UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 147 - Spring 2006 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/15b5n4fq

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 147(1)

Publication Date
2006

Copyright Information
Copyright 2006 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 147

פרילינג
תשס"ו

SPRING
2006

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאַרמאַציע שרייבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט (310) 552-2007



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN,**
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN, J. SOSKI**

דעם באַוווסטן שרייבער און זשורנאַליסט, דעם גרינדער און געוועזענעם רעדאַקטאָר פון דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג אין מדינת ישראל "לעצטע נייעס", דעם ענערגישן קעמפער פאַר יידיש אינעם יידישן לאַנד, ערן־פאַרזיצער פון יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

## מרדכי צאַנין

### צו זיין 100־סטן געבוירן־יאָר

ווינטשן מיר געזונט און אריכת ימים, עד מאה ועשרים!

פאַר דער רעדאַקציע און
אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"
**משה שקליאַר**

## אינהאַלט


ל. ע.: 80 יאָר יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס ........ 3
שלום עליכם: (דערציילונג) ........ 5
ל. קויפמאַן: שלום־עליכם פון דער נאָענט ........ 12
מ. וואָלף: מיין הלום מיט שלום־עליכמען האָט זיך פאַרצויגן ........ 16
פּ. פלאָטקין: (לידער) ........ 22
מ. בן שלמה זאב: די פרויען־גוואַרדיע אין דער ישראל־אַרמיי ........ 25
ל. מייזנער: פּרימאָ לעווי ........ 27
פּ. לעווי: צוליב אַ גלאָז וואַסער (דערציילונג) ........ 32
מ. שטערן: (לידער) ........ 35
מ. אייזענבוד: אין דאָרף דאַלמיאַטשין (דערציילונג) ........ 37
מ. שקליאַר: (לידער) ........ 42
ע. פישבין: מאַרק שאַגאַל - צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט ........ 44
ל. פּראָלאָוו: מיין שוועסטער חייקע ........ 47
א.ביידער: (אַפאָריזמען) ........ 52
ש. טרייסטער מאָסקאָוויטש: (ליד) ........ 53
י. לעווין: (לידער) ........ 53
מ. שקליאַר: וועגן דער וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין ........ 54
י. קערלער: (ליד) ........ 59
צ. אייזנמאַן: דער פויגל ........ 61
מ. וו: ברוך מרדכי ליפשיץ און זיינע "זכרונות פון גולאַג" ........ 64
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 66
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 66

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 147

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יוסף סאַסקי
נתן שטיינמאַן

61־ער יאָרגאַנג, נומער 147 • פרילינג 2006 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## און אַזוי איז געבוירן געוואָרן אַ טרוים...

### 80 יאָר יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס

*מיט פרייד און מיט זאָרג צייכענען מיר אָפּ אַכציק יאָר טעטיקייט פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס. אַכציק יאָר - גוטע און אומרויקע יאָרן פון אַ יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ יש אינעם סעקולערן יידישן סעקטאָר אין שטאָט. די שאַפער פון אָט דער מערקווירדיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן אין יאָר 1926 זיך פאַרזאַמלט און פאַרלייגט אירע פונדאַמענטן, האָבן זיכער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין 2006 וועלן נאָך אַלץ בליען די פּרוכטן פון זייער פאַרזיי.*

*אין משך פון די אַכציק יאָר איז די וועלט, און אויך אונדזער יידישע וועלט, אַדורכגעגאַנגען קאָלאָסאַלע ענדערונגען, איבערייסלונגען, וואָס האָבן געענדערט די סטרוקטור פון יידישן לעבן. דער אומקום פון דעם שאַפערישן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום האָט צעטרייסלט פיזיש, פּאָליטיש און מאָראַליש די יידישע יישובים אין דער וועלט און געצוווּנגען די איבערגעבליבענע צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע קהילות צו ענדערן דעם אופן פון טראַכטן און אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף העלפן דער ניי־אויפגעקומענער יידישער מדינה, ווו די גלותדיקע יידיש־קולטור איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שטיף־קינד.*

*די אָרגאַניזאַטאָרן פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב, וועלכע האָבן גלייך אין אָנהייב פון זייַן אַנטשטייונג אין זייַן פּראָגראַם אַריינגענומען דאָס בויען, אויפהאַלטן און פלעגן אַלע יידישע קולטור־ווערטן, האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט אין די ערשטע פרילינג־טעג, אַז די אינסטיטוציע וועט שפּילן אַזאַ וואָגיקע ראָל אין יידישן לעבן און ס'וועט איר אויסקומען צו טראָגן די ירושה פון אונדזערע קדושים, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קערן פון אַקטיוון, שאַפערישן יידישן לעבן.*

*די ראָל פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב איז געווען און געבליבן - סטימולירן און צוטראָגן דעם יידישן עולם די אוצרות פון יידישן קולטור־שאַפן אין אַלע פאָרמען - לשון, ליטעראַטור, מוזיק, פּלאַסטישע און טעאַטראַלע קונסט; אין קלוב זענען פאַרבעטן געוואָרן שרייבער, פּאָעטן, היסטאָריקער,*

מוזיקער און זינגער, כדי דער ברייטער עולם זאָל זיך באַקענען מיט זיי און מיט זייערע שאַפֿונגען.

אין משך פֿון די אַכציק יאָר האָבן מיר געהאַט גאָר אַ סך איבערגעגעבענע טוערס, פֿרויען און מענער, וועלכע האָבן געהאָלפֿן אין דער אַרבעט. דאָס זענען געווען און זענען מענטשן מיט יידישן וויסן און מיט ליבשאַפֿט צו דער יידישער קולטור. און זיי אַלעמען דערמאָנען מיר היינט מיט דאַנק און אָנערקענונג!

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז, אונטערן דאַך פֿון יידישן קולטור־קלוב, געבוירן געוואָרן דער ליטעראַרישער זשורנאַל "חשבון". אין משך פֿון די זעכציק יאָר עקזיסטענץ האָט "חשבון" געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל צווישן יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין דער וועלט. געהאַט האָבן מיר עס צו פֿאַרדאַנקען די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטערס, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צום אויפֿהאַלטן דעם זשורנאַל אויף אַ געהעריקן ניוואָ. אַזוי איז עס ביז היינטיקן טאָג, און הלוואי אויף ווייטער!

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פֿון די געענדערטע באַדינגונגען. דער דור, וועלכער שטייט איצט ביי דער אַרבעט, ווערט עלטער. דער צופֿלוס פֿון יינגערע עלעמענטן איז אַ שוואַכער. אָבער עס מערקן זיך דאָך נייע שפּראָצן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ טייליוויזן נאָכוווקס: "יידישקייט ל.א."; דער "סעמינאַר" וואָס קומט זיך צוזאַמען איין מאָל אין יאָר און ברענגט אַריין יינגע מענטשן אין דער יידישער קולטור־סביבה; אויך דאָס איינפֿירן דעם יידיש־לימוד אין דריי טאָג־שולן אין שטאָט איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג נישט צום דערשאַצן! אָט די נייע שפּראָצונגען גיבן אונדז צו מוט. לאָמיר האָפֿן, אַז מיט דער צייט וועט דער יונגער דור געפֿינען אונדזער רייכע יידישע קולטור־ירושה און וועט ממשיך זיין און היטן אירע ווערטן.

מיר זיינען שטאָלץ מיט אונדזער אַרבעט און די דערגרייכונגען, און מיר וועלן ווייטער אָנגיין מיט אונדזערע טעטיקייטן, שפּינענדיק דעם גאָלדענעם פֿאָדעם. צו אַלע אונדזערע פֿריינד, ליבהאָבער פֿון יידיש לשון און יידישע קולטור־ווערטן; צו אַלע אונדזערע געטרייע מיטגלידער, טוער און העלפֿער אין אונדזער אַרבעט, נאָך אַ מאָל - אַ דאַנק! לאָמיר ווייטער שפּאַנען און צוזאַמען זען ווי פֿון די קליינע קערנער וועט אויסוואַקסן אַ יונגער גרינער וואַלד!

ל-ע

---


**מכּוח אַלע געשעפֿטלעכע און פֿינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פֿאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379

## צום 90־סטן יאָרצייט פון שלום־עליכם

## 2006-1916

# פונעם יאַריד*)



פאָרטרעט פון שלום־עליכם. גראַוויור פון מאָלער ע. גאָרשמאַן.

"פונעם יאַריד" קאָן הייסן פונעם לעבן, וואָס איז געגליבן צו אַ יאַריד. יעדערער איז אַ בעלן דעם מענטשנס לעבן צו פאַרגלייכן צי עפּעס אַ זאַך. למשל איינער אַ סטאָליער האָט אַ מאָל געזאָגט: "דער מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער, אַ סטאָליער לעבט און לעבט און דערנאָך שטאַרבט ער - אַזוי איז אַ מענטש אויך"... פון אַ שוסטער האָב איך געהערט אַ מיינונג, אַז דעם מענטשנס לעבן איז געגליכן צו אַ פּאָר שטיוול: כל זמן די פּאָדעשוועס טראָגן זיך, זענען די שטיוול - שטיוול, און אַז די פּאָדעשוועס טראָגן זיך אָפּ איז - מיטן קאָפּ אין דער ערד. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ בעל־עגלה זאָל פאַרגלייכן דעם מענטשן צו להבדיל אַ פערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין חידוש נישט געווען. ווען אַזאַ מענטש ווי איך. וואָס האָב אָפּגעטאַראַמט אַ האַלב מאה יאָרן און גייט באַשרייבן די געשיכטע פון זיין לעבן - זאָל אים איינפאַלן צו פאַרגלייכן זיין פאַרגאַנגענהייט צו אַ יאַריד.

דער אמת איז אָבער נישט אַזוי: פונעם יאַריד - מיינט מען דאָס דעם צוריקוועגס, אָדער דעם סך־הכל, דעם רעזולטאַט פונעם גרויסן יאַריד. אַ מענטש, אַז ער פּאָרט אויפן יאַריד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס פאַר אַ מציאות ער וועט דאָרט איינהאַנדלען. פליט ער דעריבער פייל אויסן בויגן, הענדום־פענסום - טשעפּעט אים נישט, ער האָט קיין צייט נישט! פּאָרט ער אָבער צוריק, פונעם יאַריד, ווייסט ער שוין וואָס ער האָט דאָרטן געהאַנדלט און - "ער האָט צייט". ער קאָן זיך שוין אָפּגעבן אַ דין־חשבון, און ער האָט שוין די מעגלעכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכן מיט די דאָזיקע רעזולטאַטן, דערציילן פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט, אַלצדינג: מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אויפן יאַריד און וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט געהערט.

אַ סך מאָל האָבן מיך מיינע גוטע פריינד אויפגעפאָדערט, פאַרוואָס זאָל איך מיר נישט נעמען די מי צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבן? האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינד און האָב זיך עטלעכע מאָל גענומען צו דער אַרבעט, און

*) פראַגמענטן פון שלם־עליכמס אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן.

אַלע מאָל אַוועקגעלייגט די פען, ביז... עס איז געקומען די צייט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציק יאָר צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיטן מלאך־המוות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס. איך האָב זיך שיר־שיר נישט אַריבער־געפּעקלט אַהין, פון וואַנען מען קאָן קיין בריוול נישט שרייבן, קיין זאַך נישט אַריבערשיקן און אַפילו קיין גרוס נישט איבערגעבן. קורץ, איך האָב געהאַלטן ביים אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן. האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: "אַצינד איז די רעכטע צייט. כאַפּ אַריין און שרייב, וואָרום קיינער ווייסט נישט ווען עמענס מאָרגן עס איז. דו וועסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און ווייסן דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? אָמער נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצייל ווער דו ביסט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצורעדן - "שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע", אַן אמתע לעבנסגעשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אָפּגעבן דין־וחשבון פון מיין גאַנצן לעבן פאַר מיין לעזער, זאָגן ווידוי פאַר דער גאַנצער וועלט. איר ווייסט? שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע און מאַכן אַ צוואה איז כמעט אַלץ איינס... איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערלעך פאַר אַ מענטשן, וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהייבן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל ביישטיין קעגן דעם נסיון, נישט וועלן אויספּיינען זיך פאַרן פובליקום, באַווייזן זיך פאַר אַ ווילן בחור, וואָס סע קומט אים אַ קניפּ אין בעקל. איך האָב צוליב דעם אויסגעקליבן אַ באַזונדערע פאָרם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל רעדן פון זיך זעלבסט, ווי פון אַ דריטער פּערזאָן. דאָס הייסט: איך, שלום־עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצעכצן און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט, למשל, אַ זייטיקער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, גאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום, אַזעלכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַלע שבעה מדורי גיהנום. און דערציילן וועל איך עס אייך ביסלעכווייז, שטיקלעכווייז, אייגנטעיילט אין באַזונדערע מעשיות אָדער עפּיזאָדן, איין עפּיזאָד נאָך דעם אַנדערן. און דער וואָס גיט כוח דעם מענטשן, ער זאָל געדענקען אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין זיין לעבן, זאָל מיר ביישטיין, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזן חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפן און וואָס קאָן האָבן אַן אינטערעס, און קיין פּאַרשוין, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אויף דעם גרויסן יאַריד, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די פופציק יאָר פון מיין לעבן.

## טאַטע־מאַמע

אַ הויכער, מיט אַ שטענדיק פאַרזאָרגט פּנים, מיט אַ ברייטן, ווייסן, געקנייטשטן שטערן, מיט אַ שיטער שמייכלענדיק בערדל, אַ באַלעבאָס אַ ייד און אַ בעל־תפילה, אַ למדן און אַ בעל־תנ"ך, אַ פרומער און אַ בעל־לשון־קודש, אַ חסיד פון טאַלנער רבין און אַ ליבהאָבער פון מאַפּו, סלאָנימסקי און צערערבוים, אַ חקרן, אַ בורר און אַ בעל־עצה און אַ שפּילער און שאָך און אַ מבין אויף פּערל און ברילאַנטן! - אָט דאָס וועט זיין די ריכטיקע פיזיאָנאָמיע פון דעם העלדס פאָטער, רב נחום וועוויקס, וואָס האָט גערעכנט זיך אין שטאָט פאַרן גרעסטן נגיד.

וויפל אַזאַ נגיד פון וואָראָנקאָ האָט געקאָנט פאַרמאָגן - איז שווער צו זאָגן: נאָר געשעפטן האָט ער געהאַט אַ גוזמא: ער איז געווען אַ פּאָסעסאָר, צוגעשטעלט בוראַקעס אין "זאַוואָד", געהאַלטן די זעמסקע פּאָטשט, געהאַנדלט מיט תבואה, געגרוזעט בערלינעס אויפן דניעפּר, געהאַקט וואַלד און געשטעלט אָקסן אויף דער בראַהע, נאָר פּרנסה האָט מען געצויגן פון דער "שניט-קראָם". עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ "שניט-קראָם". דאָרט האָט זיך געפונען אויך צעלניק, און באַקאַליי, און היי און האָבער, און היימישע רפואות פאַר גויים און גויעס, און אייזנוואַרג אויך. אין "שניט-קראָם" האָט זיך דער טאַטע נישט אַריינגעמישט. דאָס האָט געפירט אינגאַנצן די מאַמע, אַ יידענע אַן אשת-חיל, אַ גיכע טוערין און מיט סכנות אַ שטרענגע צו אירע קינדער. און קינדער זענען געווען היפשלעד, אַריכער אַ טוץ, און פון אַלערליי וווקס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערעלעך, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

קיין גרויסן צימעס האָט מען מיט דעם קליינוואַרג, געוויינלעך, נישט געמאַכט. דאָס הייסט, שטאַרק בענקען האָט מען נאָך זיי נישט געבענקט, און אַז זיי זאָלן, חס-ושלום, נישט געווען קומען אויף דער וועלט, וואָלט אויך געווען אָן אַן אומגליק; גאָר אַז זיי זענען שוין דאָ, איז - "מהיכא-תיתי, וועמען מאַכן זיי קאַליע? זאָלן זיי זיין מיט יאָרן"... ווער ס'האָט זיך געקאָנט אויסדרייען פון פּאָקן און פון מאָזלען און פון אַלע איבעריקע קינדערישע שלעק און פורעניותן, דער איז אויסגעוואַקסן און אַוועק אין חדר אַריין, פריער צו נטע-לייב דרדקי, דערנאָך צו רב זרחל דעם גמרא-מלמד. און ווער עס האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם בעל-דבר מיט די טויזנט אויגן, וואָס לאָקערט אויף קליינע עופהלעך, דער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. האָט מען פאַרהאָנגען די שפּיגלען, און טאַטע-מאַמע האָבן זיך אַוועקגעזעצט שבעה, אַראָפּגעוואָרפן די שיך פון די פיס און שטאַרק-שטאַרק געוויינט. אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מע האָט אויפגעהערט. געזאָגט דעם פסוק: "ה' נתן וה' לקח", אויסגעווישט די אויגן, אויפגעשטאַנען פון דער ערד און פאַרגעסן... אַנדערש איז עס אוממעגלעך געווען אין דעם גרויסן טאַרעראַם מיטן יאַריד פון אַריבער אַ טוץ קינדער, צווישן זיי איינער אַ בעל-הביתל שוין, וואָס סע שיט זיך אים אַ בערדל, און איינס אַ זויגעדיקס, נאָך ביי דער ברוסט.

אַ גרויס בריהשאַפט איז עס געווען פון דער מאַמען אויסצוהאָרעווען אַזאַ כאַליאַסטרע און אויסצושטיין אַלעמענס קראַנקהייטן. וואָרום אַזוי פלעגט אַ קינד קריגן פעטש מיט קלעפּ מיט בוכענצעס, וויפל ס'איז אין דעם אַריין. נאָר טאָמער חלילה איז עמעצער קראַנק געוואָרן, אַזוי איז שוין די מאַמע נישט אָפּגעטראָטן פון בעטל: "אַ מכה דער מאַמען!" איז דאָס אָבער געזונט געוואָרן און געשטעלט זיך אויף די פיסלעך - "אין חדר אַריין, דו שייגעץ איינער, אין חדר אַריין!"...

אין חדר האָבן געלערנט אַלע פון פיר יאָר ביז... כמעט ביז דער חתונה. און פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער שקאָץ דער מיטלסטער, דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע, מיטן נאָמען שלום, אָדער שלום נחום וועוויקס.

מען באַדאַרף זאָגן דעם אמת, אַז גאָר קיין שלעכט יינגל איז דאָס נישט געווען, אָט דער שלום נחום וועוויקס, און לערנען האָט ער זיך געלערנט בעסער פון אַלע קינדער, גאָר פעטש, קולעקעס, מיט קלעפּ, מיט שמיץ, נישט פאַר אייך געדאַכט, האָט ער אויך געקראָגן מער פון אַלע. מסתמא איז ער ווערט געווען.

- אָט וועט איר זען, יידן, אַז פון דעם קינד וועט קיין גוטס נישט אַרויס! דאָס

וואַקסט עפּעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, דער שוואַרציאָר ווייסט וואָס, אַ שטויבער, אַ סאַמאָוואָליץ, אַ זולל־וסובאניק, אַן איוואַן פּאָפּערילע, אַן אויסוואורפלינג, אַ משומד און אַ כל־בוניק, און וואָס אין דער קאָרט!...

אַזוי האָט אים אַטעסטירט פרומע די דינסטמויד, אַ בלינדע אויף אַן אויג און אַ געשטופּלטע, נאָר זייער אַ קאַרנע און אַ געטרייע דינסט. אַ געטרייע און אַן איבערגעגעבענע און אַן ערלעכע דינסט. זי האָט געהרגעט־געשלאָגן די קינדער, זיי געזשאַלעוועט עסן, אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן זיין גוט און פרום און ערלעך און כשר צו גאָט און צו לייט. און מחמת די מאַמע איז געווען אַן אשת־חיל, שטענדיק אין קראָם, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב ביד רמה. און "דערצויגן" די קינדער, ווי אַ מאַמע, זי האָט זיי געוועקט, געוואַשן, געצוואָגן, געזאָגט מיט זיי ברכה, געפּאַטשט, געגעבן אָנבייסן, אָפּגעפירט אין חדר, געבראַכט פון חדר, געפּאַטשט, געגעבן עסן, געלייענט מיט זיי קריאת־שמע, ווידער געפּאַטשט און באַלייגט שלאָפן, אַלע אין איינעם, ס'זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין, טאַקע מיט איר אין איין בעט. די קינדער אין בעט - און זי ביי זיי צופוסנס.

אַ שטיקל גלות איז געווען פאַר די קינדער אָט די פרומע די מויד, און אַ יום־טוב איז געווען פאַר זיי פרומעס חתונה - לאַנג לעבן זאָל יידעלע־גנב מיט דער היטשקע געקרייזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענדזנשמאַלץ, און מיט דער צונויפגעוואַקסענער גאָז, וואָס מע קאָן זי קיין מאָל נישט אויסשנייצן, מע זאָל זיין, דאַכט זיך, מיט אַכצן קעפּ.

לאַנג לעבן זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען (אָט אַ משוגענער!) חתונה האָבן פאַר דער בלינדער פרומען. און חתונה האָט ער פאַר איר געהאַט נישט גלאַט אַזוי, נאָר מחמת "ליבע": ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, הייסט עס, מיט סכנת־נפשות, נישט צוליב דעם, וואָס זי האָט נאָר איין אויג און איז געשטופּלט - חס וחלילה! נאָר צוליב דעם, וואָס ער טוט אַ שידוך מיט רב נחום וועוויקס. אַ קלייניקייט - אַזאַ שידוך! חיה־אסתר אַליין (די מאַמע) האָט געפּראַוועט די חתונה, געווען די גאַנצע מחותנתטע, געבאַקן לעקעך, אַראָפּגעבראַכט קלעזמער פון בערעזאַן, געטאַנצט, געהוליעט ביז טאָג און געוואָרן הייזעריק, ווי די וואַנט.

אוי וויי, וואָס חברה האָט זיך דעמלט אָנגעלאַכט און אָנגעטאַנצט! די שמחה איז געווען נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס אַ פּייפער אַ גנב נעמט אַ בלינדע מויד, גאָר איבער דעם, וואָס מע ווערט פּטור פון "פרומע די מויד" אויף אייביק און אייביק! און אגב האָט מען זיך טאַקע אָנגעלאַכט אויך אויף דעם, וואָס "דער שייגעץ" האָט קאָפּירט דאָס גליקלעכע פּאָר - דעם חתן, ווי ער פּייפט מיט דער נאָז, און די כלה, ווי זי קוקט אויפן חתנן מיט איין אייגל און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, אַז זי האָט אַ נאַש געגעבן סמעטענע.

קאָפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען - דערויף איז אונדזער שלום געווען איין מזיק! האָט ער דערזען עמעצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אויף אים עפּעס אַ חסרון, אָדער אַזוי אַ "לעכעריקס", און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזן ווי אַ פּאַכיר, און ער האָט אים שוין נאָכגעמאַכט. און חברה שקצים האָבן געלאַכט, און טאַטע־מאַמע האָבן צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין, אַז "דער שייגעץ מאַכט נאָך דער גאַנצער וועלט, ווי אַ מאַלפּע - מע באַדאַרף אים אָפּגעווינען דערפון!"

און דער רבי האָט זיך גענומען אים "אָפּגעווינען" דערפון - עס האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן... עפּעס אַ "נישט־גוטער האָט זיך פאַרקליבן אין דעם קינד, אַ מין לץ, וואָס דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָך און אַלעמען קרימט ער איבער, אָבער אַלעמען, אַפילו דעם רבין אַליין, ווי ער שמעקט טאַבעקע און ווי ער גייט דריבניטשקע מיט די

קליינע פיסעלעך, און די רביצין, ווי זי פיסקלט זיך, רויטלט זיך און בלינצלט מיט אַן אייגל, בשעת זי דאַרף נעמען ביים רבין אויף שבת איז קאָן נישט אויסרעדן "שבת", נאָר "סאַבעס" - און פעטש זענען געפלויגן, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געציילט, איי שמיץ! סטייטש שמיץ!

בקיצור - ס'איז געווען אַ לעבן.

## די ערשטע ליבע

ווען זיי זאָלן נישט געווען זיך באַגעגענען דערנאָך אין לעבן אַ סך מאָל, וואָלט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע זיכער געמיינט, אַז די, וועלכע האָט אים צו פערצן יאָר געפלעפט, איז געווען נאָר אַ דמיון, אַ פאַנטאַזיע, אַ חלום. געהייסן האָט זי ראָזע, און ער האָט זי קיין מאָל נישט געזען, זי זאָל ניין אַליין. שטענדיק מיט אַ כאַליאַסטרע "קאַוואַליערן", די פיינסטע יידישע בחורים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָט, און אַ מאָל אויך קריסטן, אָפיצירן. אַ רוסישער אָפיציר זאָל שפּאַצירן מיט אַ יידיש מיידל - דאָס אַליין איז געווען אַז סענסאַציע, וואָס די שטאָט האָט מיט דעם געקאָכט. און נישט אַ יעדעס מיידל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און נישט אַ יעדן מיידל וואָלט די שטאָט מוחל געווען. נאָר ראָזע - זי מעג עס, איר קאָן מען דאָס מוחל זיין, ווארום זי איז ראָזע, וואָרום זי איז די איינציקע אין שטאָט, וואָס שפּילט פּיאַנע, די איינציקע אין שטאָט, וואָס רעדט פראַנצויזיש, און רעדט הויך, און לאַכט הויך - אַ קלייניקייט ראָזע? און דערצו איז זי אַ טאָטנס אַ קניד. איר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פּאָרנעמסטע יידן אין שטאָט, אַ ייד אַן אַריסטאָקראַט. אין דער יוגנט, זאָגט מען, איז ער געווען אַ גלות. איצט איז ער שוין אַלט און גרוי, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, טראָגט ברילן, האָט קישעלעך אונטער די אויגן. די אייגענע קישעלעך אונטער די אויגן האָט געירשנט פון אים זיין טעכטערל ראָזע, און זיי פּאַסן זיך איר אַזוי צו אירע שיינע בלויע אויגן, און צו אירע זיידענע אויסגעבויגענע ברעמען, און צו איר יידיש-גריכיש נעזל, און צו איר קלאָר-ווייס געזיכט, און צו איר קליינער, נאָר מאַיעסטעטיש גרויסאַרטיקער פיגור, וועלכע האָט געפלעפט דאָס האַרץ פונעם טשעקאַווע פאַרחלומטן חדר-יינגל שלום נחום וועוויקס, וואָס האָט זיך דורך איין קוק פון אירע שיינע שולמית-אויגן פאַרליבט אין דער דאָזיקער שולמית מיטן הייליקן פייער פון אַן אומשולדיק בר-מצווה-יינגל.

יאָ, שולמית, נאָר די שולמית, וואָס אין שיר-השירים, פאַרמאָגט אַזעלכע שיינע געטלעכע אויגן. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר-השירים, קאָן אַזוי זיס-ליבלעך און שטרענג-טיף אַריינדרינגען אייך אין דער נשמה אַריין, ווען זי קוקט אויף אייך. און אַ קוק געגעבן האָט זי אויף שלומען, קאָן איך אייך ערב זיין, מער נישט אַז איין מאָל, און אַז אַ סך - איז צוויי מאָל. אויך דאָס - פאַרבייגייענדיק אין גאַס שבת בייטאָג מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע "קאַוואַליערן", צווישן וועלכע ס'איז געווען איינער אַ גליקלעכער מיטן נאָמען היים פּרוכשטיין. חיים איז יאָסע פרוכשטיינס אַ זונדל, אַ בן-יחיד, אַ קורצפּיסיקער, זייער אַ קורצפּיסיקער, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז, און אויף דער נאָז - רויטע וויינפערלעך, און ציין גרויסע, מוראדיק גרויסע. נאָר אָנגעטאָן איז ער ווי דער גרעסטער פראַנט. שטיוולעטן לאַקירטע און סקריפּעדיקע אויף הויכע, זייער הויכע אָפּצאַסן - בכדי ער זאָל אויסזען העכער. אַ זשילעט אַ ווייסע, ווי געפאַלענער שניי. די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרוגט אַקוראַט אין מיטן און שטענדיק אָנגעשמירט מיט

שמעקנדיקע פּאַרפומען, וואָס לאָזן זיך הערן אויף אַ מייל, אָט דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער פון אַלע ראָזעס קאַוואַליערן, און אים האָט די שטאָט געקרוינט פּאַר איר חתן. דערפּאַר געקרוינט, ווייל ער איז יאָסע פּרוכשטיינס זון, און יאָסע פּרוכשטיין איז אַ נגיד, און אַ נגיד מיט אַ נגיד זענען גלייכע מחותנים. און אויסער דעם, איז ער דער איינציקער בחור אין פּערעיאַסלאַוו, וואָס רעדט פראַנצויזיש; ער רעדט פראַנצויזיש און זי רעדט פראַנצויזיש - קאָן דען זיין נאָך מער גליך, ווי דער דאָזיקער שידוך? און נאָך אַ זאַך: זי שפּילט פּיאַנע און ער שפּילט פידל, און אַז דיביידע שפּילן, מעג מען פאַרזעצן וואָס מע האָט און מע קאָן שטיין אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פענצטער און האָרכן. שלום איז געשטאַנען נישט איין מאָל ביי ראָזען אונטערן אָפענעם פענצטער זומער פאַרנאַכט אין דרויסן און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימלישע טענער, וואָס די שיינע ראָזע האָט מיט אירע שיינע פינגער אַרויסגעצויגן פון דער גרויסער שוואַרצער גלאַנצנדיקער פּיאַנע מיט די ווייסע ביינדלעך, און צו די זיסע הימלישע געזאַנגען, וואָס דער קורצפּיסיקער חיים פּרוכשטיין האָט אַרויסגעריסן פון די דינע סטרונעס פון זיין קליין בייכיק פידעלע - און אַך! וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די מינוטן! ער האָט געשעפּט תענוג און געערגערט זיך, געבענטשט און געשאָלטן צו גלייכער צייט. געשעפּט תענוג פון דער שיינער זעלטענער הימלישער מוזיק, און געערגערט זיך, וואָס נישט ער שפּילט דאָס מיט ראָזען, נאָר אַן אַנדערער. געבענטשט האָט ער די הענט, וואָס ציען אַרויס אַזעלכע זיסע הימלישע טענער מיט אַזעלכע זיסע מלאכימשע געזאַנגען פון טויטע אינסטרומענטן, און געשאָלטן דעם טאָג, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן ביי נחום ראַבינאָוויטש, נישט ביי יאָסע פּרוכשטיין, און וואָס חיים פּרוכשטיין איז אַ נגידס אַ זון, און ער, שלום, איז נעבעך אויף גרויסע צרות! נישט נאָר ער קאָן נישט אויספירן ביי זיין טאַטע-מאַמע לאַקירטע שטיוולעטן מיט סקריפּקעס און אויף הויכע אָפּצאַסן - זיינע שטיוועלעך, וואָס ער טראָגט, זענען אָפּגעפּאָרן, די אָפּצאַסן אויסגעדרייט, די פּאָרעשוועס אָפּגעריכן. און אַז ער זאָל זאָגן, ער וויל לאַקירטע שטיוולעטן, וועט מען אים פרעגן: אויף וואָס? און אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער וויל, זיינע שטיוועלעך זאָלן סקריפּען, וועט ער קריגן פּעטש...

אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען ווען ער האָט אַן אוצר! אָט אָ יענעם אוצר, וואָס זיין וואָראָנקאָווער חבר שמואליק דער יתום פלעגט אים דערציילן וועגן דעם אַזויפיל שיינע מעשיות. נאָר בלאָטע! ס'איז נישטאָ קיין אוצר. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער אים צו געפינען - ער ליגט זייער טיף פאַרבאָרגן. און אַז מע געפינט אים שוין - אַנטלויפט ער און באַהאַלט זיך נאָך טיפער... און דער אומגליקלעכער שלום האָט פאַרשאָלטן דעם טאָג, למאי ער איז געבוירן געוואָרן ביי די מיוחסים, ביי די ראַבינאָוויטשעס, נישט ביי די פּרוכשטיינס. און ער האָט פיינט געקריגן מער פון אַלעמען אָט דעם קורצפּיסיקן חיים פּרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווייִמפּערלעך, פיינט געקריגן בתכלית השנאה - דערפאַר וואָס גאָט האָט אים, דעם קורצפּיסיקן חיים, געבענטשט מיט אַלע דריי גוטע זאַכן: מיט סקריפּענדיקע שטיוולעטן, מיט רעדן פראַנצויזיש און מיט שפּילן פידל.

און דער אומגליקלעכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן און געשוווירן זיך ביי דער לבנה און ביי די שטערן דאָ אין דרויסן, און ביי די זיסע הימלישע טענער און ביי די זיסע מלאכימישע געזאַנגען, וואָס ניסן זיך פון דאָרטן, פון אינעווייניק, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך אויסלערנען שפּילן אויפן פידל, אַזוי ווי דער גליקלעכער חיים פּרוכשטיין, און אַז ער וועט מיט זיין פידל-שפּילן פאַרשטעקן אין גאַרטל צען

אַזעלכע, ווי חיים פּראָכשטיין, און רעדן פראַנצויזיש וועט ער זיך אויסלערנען, אַזוי ווי חיים פּראָכשטיין, און ער וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגלייכן מיט חיים פּראָכשטיין, און ער וועט אים נאָך אפשר אַריבעריאָגן - און דעמלט ערשט וועט ער קומען צו איר, צו ראָזען, גלייך אַהיים, און ער וועט איר זאָגן מיטן לשון פון שיר־השירים: "שובי שובי השולמית - קער זיך אום צו מיר, שולמית, מיטן פּנים אויף איין ווײַלע און הער זיך איין, ווי אַזוי איך שפּיל אויפן פידל!" און ער וועט געבן אַ פיר מיטן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולמית־ראָזע וועט דאָס דערהערן, וועט זי שטוינען, און זי וועט אים פרעגן: "פון וואַנען?" - וועט ער איר ענטפערן: "פון זיך אַליין". און חיים פּראָכשטיין וועט שטיין פון דער זייט און וועט גאַפן און וועט אים, שלומען, מקנא זיין - וועט ער צוגיין און וועט וועלן זאָגן ראָזען עפּעס אויף פראַנצויזיש וועט שלום זיך אַרײַנמישן אין מיטן, אים איבערהאַקן און וועט צו אים זאָגן אויך אויף פראַנצויזיש: "היט זיך, רב חיים, מיט אייער לשון, וואָרום איך פאַרשטיי איטלעכס וואָרט!" וועט ער נאָך מער גאַפן, און דעמלט וועט שולמית־ראָזע אויפשטיין און וועט געמען שלומען פאַר אַ האַנט און וועט אים זאָגן: "קום". וועלן זיי גיין אינצווייען, ער מיט ראָזען, אויפן שפּאַציר איבער די פּעראיאַסלאַווער "פּעשעכאָדן" און וועלן רעדן ביידע אויף פראַנצויזיש, און די גאַנצע כאַליאַסטרע קאַוואַליערן, און דער קורצפּיסיקער חיים פּראָכשטיין בתוכם, וועלן זיי נאָכגיין פון הינטן, און די גאַנצע שטאָט וועט טייטלען מיט די פינגער: "ווער איז דאָס גליקלעכע פּאָרל?" וועט מען זיי ענטפערן: "איר ווייסט נישט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָזע מיט איר אויסערוויילטן!" "ווער זשע איז איר אויסדערוויילטער?" "איר אויסדערוויילטער - דאָס איז דאָך דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ"ך און כתבא־רבה שלום נחום וועוויקס, שלום ראַבינאָוויטש"... און שלום הערט דאָס אַלצדינג, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט נישט, און ער גייט ווייטער און ווייטער, האַנט ביי האַנט, מיט דער שיינער ראָזען, און ער זעט אירע שיינע בלויע אויגן, ווי זיי קוקן אויף אים און לאַכן. און ער פילט איר קליין וואַרעם הענטל אין זיין האַנט, און ער הערט, ווי דאָס האַרץ ביי אים קלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק.. און די שטיוועלעך אונטער אים האָבן ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבן צו רעדן? "סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ". און דאָס איז שוין אַ וווּנדער פאַר אים אַליין. מילא, פידל שפּילן און פראַנצויזיש רעדן - דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט. אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער קען. אָבער די שטיוועלעך - פון וואַנען האָבן זיי געכאַפּט דעם סקריפּ? אויך פון זיך אַליין? אָדער אפשר ווייזט זיך אים אויס? און ער קוועטשט־קוועטשט מיט ביידע פיס, שטאַרק־שטאַרק, און ער כאַפּט אַ שטורך פון זיין עלטערן ברודער, מיט וועלכן ער שלאָפט אין איין בעט: "וואָס הריגעסטו מיט די פיס, ווי אַ לאָשעקל?" און ער כאַפּט זיך אויף - נישט שוין זשע איז דאָס געווען נאָר אַ חלום?... און ער הערט נישט אויף צו טראַכטן פונעם דאָזיקן חלום. און ער הערט נישט אויף צו חלומען אויף דער וואָר. און עס גיסן זיך צוניף ביי אים דער חלום מיט דער וואָר, די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקלעכקייט... און עס ציט זיך אַזוי - ער ווייסט נישט וויפל צייט, ביז עס קומט אַ גאַסט קיין פּערעיאַסלאַוו, אַ שרעקלעכער גאַסט, אַן אונטערגאַנג, אַן עפּידעמיע. ווי אַ הוראַגאַן וואַלגערט ער אום אַלצדינג מיטן פּנים אַראָפּ און מאַכט אַן איבערקערעניש, אַ חורבן אין אַ סך הייזער, און אויך ביי נחום ראַבינאָוויטשן אין שטוב, און עס ווערט פאַרשווונדן די שיינע שולמית־ראָזע און זיין ליבע צו דער שיינער שולמית־ראָזע, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַנטאַזיע, ווי אַ נעכטיקער טאָג...

דער גאַסט - דאָס איז געווען די כאָליערע.

ליאַלי קויפמאַן

# שלום-עליכם פון דער נאָענט

## (די טאָכטער דערציילט)



שלום-עליכם און זיין טאָכטער ליאַלי
(מאָנטרע, סוף זומער 1911)

אין אַ ווייכן באַד-כאַלאַט, אָנשטאָט אַ שלאָפראָק, און מיט שטעקשיך אויף די פיס, ניט זיצנדיק, נאָר שטייענדיק ביי זיין הויכן שרייבטישל, שטייענדיק און שרייבנדיק גיך-גיך אין די פריע פרימאָרגן-שעהן - אָט אַזוי שטעלט ער זיך מיר פאָר תמיד אַ לעבעדיקער (אַ טויטן האָב איך אים ניט געזען).

ווי פרי מע זאָל אין שטוב ניט אויפשטיין, פלעגט ער אָבער אויפשטיין נאָך פריער, און - גלייך צו זיין טישל און צו דער פען. אַ זייטיקן מענטשן האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ניט ער שרייבט, נאָר ער זשעסטיקולירט און רעדט צו זיך אַליין. ס'איז אָבער גענוג געווען, ער זאָל זיך צו אייך אַ קער טון מיטן פנים - און אייך איז באַלד קלאָר געוואָרן: דאָס לאַכט ער.

עס שטייט אַ מענטש פון ניט הויכן וווקס, אין אַ ווייכן באַד-כאַלאַט און מיט שטעקשיך אויף די פיס, שטייט זיך איינער אַליין גאַנץ פרי ביי אַ טישל, מיט אַ פען אין דער האַנט, און... לאַכט. דער פרימאָרגן פלעגט זיך אַוועקציען ביי אים לאַנג, אַ מאָל העט ביז נאָך האַלבן טאָג. די זון איז שוין הויך אין הימל, אַלע אין שטוב זיינען שוין לאַנג אויף די פיס, פאַרנומען יעדערער מיטן טאָג - און ער שטייט נאָך אַלץ ביי זיין טישל אַ פרימאָרגנדיקער, שרייבט און לאַכט, שרייבט און לאַכט...

אַ מאָל טרעפט, איך קום אַריין צו אים אין קאַבינעט אַזיינער אַכט אין אַ ווינטערדיקן נעבלדיקן אינדערפרי, פאַרן אַוועקגיין אין גימנאַזיע, געזעגענען זיך מיט אים און אגב אַראָפּריידן פאַר אים פונם האַרצן, אַז איך ווייס ניט דעם אוראָק, אָדער אַז איך האָב מורא פאַר אַרטמעטיק, - טוט ער אַ דריי-אויס דעם קאָפּ אויפן סקריפּ פון דער טיר, גיט אַ קוק, נאָר ער זעט ניט. דאָס הייסט, זען זעט ער יאָ, אָבער ניט מיך, נאָר עמיצן אַנדערש, וואָס נאָר פאַר אים אַליין איז ער אָנזעעודיק.

- פּאַפּאַ, אויף ווידערזען!

און העכער:

-פּאַ - פּאַ!

- אַ? דאָס ביזט דו? גייסט שוין אַוועק אין גימנאַזיע?

ער וואַכט-אויף ווי פון אַן אַנדער וועלט און באַשטראַלט מיך מיט אַ ליכטיקן בליק

פון זיינע ליכטיקע אויגן, אין וועלכע עס פינקלט נאָך זיין געלעכטער - און מיר דאַכט זיך שוין, אַז פאַרן אוראָק האָב איך גאָר קיין מורא ניט. און אַז דאָס וועטער אינדרויסן איז פיין, עס שיינט די זון - כאָטש דאָס איז גאָרניט די זון, נאָר די ליכטיקע שיין פון דעם פאָפאָס לאַכנדיקע אויגן.

פון דעסטוועגן, כדי צו יוצא זיין פאַרן אייגענעם געוויסן, טו איך אַ זאָג:

- איך קען ניט דעם אוראָק פון אַריטמעטיק.

- דערפאַר אָבער קענסטו דאָך היסטאָריע אויסגעצייכנט! ווער ווייסט דען נאָך אַזוי גוט כראָנאָלאָגיע, ווי דו!

און ער גלעט מיך צערטלעך איבערן בעקל. פאַרטראָגן אין דער וועלט פון זיינע "העלדן", וואָס זיינען אַזוי ווייט פון אונזער גויישער גימנאַזיע, פאַרגעסט ער פון דעסטוועגן ניט, אַז כראָנאָלאָגיע ווייס איך בעסער פון אַלעמען... צעקוש איך מיך מיט אים אויף דער גיך און פלי שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ אַ פריילעכע, אַן אויפגעמונטערטע. אמת, דעם אוראָק פון אַריטמעטיק ווייס איך טאַקע ניט, דערפאַר אָבער בין איך אַזוי שטאַרק אין כראָנאָלאָגיע, און כראָנאָלאָגיע איז דאָך געוויס אַ סך וויכטיקער, איידער עפּעס דאָרט אַריטמעטיק...

- נו? באַקומען אַוודאי אַ פינף? - פרעגט דער פאָטער שוין בייטאָג, ביים טיש.

ער איז ציכטיק אָנגעטאָן און איז שוין מסתמא ניט איין מאָל דורכגעלאָפן די בערזע פון איין עק ביז צום צווייטן. די אויגן זיינען שוין אַנדערע, מידע. נאָר הינטער דער מידקייט גליט נאָך דער אָפּגלאַנץ פון דעם פרימאָרגנדיקן געלעכטער, וואָס ביים שרייבטישל.

קיין פינף האָב איך ניט באַקומען. איך קאָן אָבער ניט באַטריבן די ליכטיקע אויגן און איך טאָק אָפּ דרייסט אַ ליגן:

- געוויס! אַ פינף!

און טאַקע דאָ אויפן אָרט גיב איך זיך דאָס וואָרט צו לערנען היינט פלייסיק די אוראָקן אַ גאַנצן טאָג. ניט אַזוי די פינפן זיינען מיר וויכטיק, ווי עס ווילט זיך מיר פאַרשאַפן דעם פאָטער פאַרגעניגן. ער האָט דאָך אַזוי ליב, ווען אַלצדינג אַרום אים איז גוט און ליכטיק און פריילעך.

און אַרום אים איז דווקא ניט אַלצדינג געווען אַזוי פריילעך!...

ניט געווען קיין געלט.

ווי אַן איינגעגעסענע קרענק, האָט דאָס געמאַטערט די גאַנצע פאַמיליע, און מיר, קינדער, האָבן עס באַגריפן נאָך פון קליינוויז אויף און געפילט, ווי ווייט דאָס פייניקט דעם פאָטער, ווי שווער דאָס דריקט זיין געמיט.

ווי דורך אַ חלום דערמאַנט זיך מיר עפּעס אַן איבערגאַנג-צייט, אַן איבערוואַנדערונג - צי פון קיעוו קיין אָדעס, צי פון אָדעס קיין קיעוו (בעת דער פאָטער האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן). עס געדענקט זיך עפּעס אַ שטעטל, דאַכט זיך - פאַסטאָוו, עפּעס אַ פרעמד צימער אין אַ האָטעל, דער פאָטער שפּאַנט-אום איבערן צימער, פון איין ווינקל צום אַנדערן, בייסט זיך נערוועז די נעגל און טראַכט פון עפּעס אַזוי אָנגעשטרענגט... דאָס דאָזיקע בילד, ווייזט אויס, איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך, און דעם פאָטערס פיגור האָט אַזוי בולט אויסגעשפּראָכן צער און פאַרצווייפלונג, - אַז יענער מאָמענט איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה און אויף אייביק זיך איינגעקריצט אין דעם זכרון פון אַ פינפיאָריקן קינד, ווי איך האָב דעמאָלט באַדאַרפט זיין.

באַלאָדן מיט אַ היבשן הויזגעזינד און פאַרפּאָלגט פון פּילצאָליקע קרעדיטאָרן, פלעגט ער זיך שיצן ביי זיין הויכן פּרימאָרגנדיקן שרייבטישל - דער איינציקער אָרט, ווו ער פלעגט אַלצדינג פאַרגעסן. די קרעדיטאָרן פלעגן אים אָבער געפינען אויך אינדערפרי און באַפאַלן אים אין זיין זיכערסטן שוצפלאַץ...

- זעט, איר זאָלט קיינמאָל קיין חובות ניט מאַכן! - פלעגט ער זאָגן, ווי אַ געבאָט, צו די קינדער. און מיר, קינדער, וואָס האָבן גוט געפילט דעם ביטערן טעם פון די דאָזיקע ווערטער, פלעגן אין דער שטיל חלומען: אַמאָל, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן און רייך ווערן, וועלן מיר אומבאַדינגט באַצאָלן אַלע, אַלע זיינע חובות!...

און נאָך איין סצענע דערמאָנט זיך מיר פון גאָר דער פריער קינדהייט: ווי אַזוי די באָבע (מיין מוטערס מוטער, וואָס האָט געלעבט מיט אונז צוזאַמען) האָט איינמאָל זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמע, אַז שלום האָט בסוד אַוועקגעשיקט צו איר ברודער מענדל פּופּציק רובל אויף פּסח - אין דער זעלבער צייט, וואָס ער אַליין האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה-געלט. איך האָב ניט געקאָנט באַגרייפן: פאַרוואָס זשע קלאָגט זי זיך, די באָבע, און פאַרוואָס איז זי עפּעס ווי אומצופרידן? דאָס איז דאָך גוט, וואָס ער האָט געשיקט געלט דעם פעטער מענדלן! דאָס געלט וועט דעם פעטער מענדל זיכער צוניץ קומען...

"ער איז אַ גוטער, בעסער פון אַלעמען!" - אַזוי האָב איך באַשלאָסן וועגן פאָטער אין מיין קינדערשן האַרצן.

ווייטער געדענק איך שטילע אָוונטן, ווען דער פאָטער פלעגט זיך אַוועקזעצן צו דער פּיאַנע (איידער מע האָט זי פאַרקויפט) און שפּילן פאַר זיך עפּעס אַ זאַך, אָבער ניט קיין פריילעכע, נאָר אַלע מאָל דווקא אַ זייער-זייער טרויעריקע. געשפּילט האָט ער אָן נאָטן, אויפן געהער, און די אַקאָרדן, וואָס ער האָט גענומען מיט דער לינקער האַנט, זיינען אַלע מאָל געווען הויכע, קלינגענדיקע, אין דער צייט וואָס די רעכטע האַנט האָט לייכט און צאַרט אויסגעשפּילט דעם טרויעריקן מאָטיוו, אָן איין פאַלשן טאָן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער צונויפנעמען אַרום זיך די פאַמיליע און פאַרלייענען אַ נייע דערציילונג פונעם פרישן מאַנוסקריפּט. דאָס פלעגט זיין פאַר אונז אַ יום-טוב - אַ יום-טוב פון פרייד און גלעכטער.

ער האָט זייער געוואָלט, אַז עמיצער פון זיינע קינדער זאָל אויך שרייבן. "ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, וואָלסטו געשריבן". - פלעגט ער מיר ניט איין מאָל זאָגן. - "אָט נעם נאָר און פּרוּוו"...

דערביי האָט ער דערציילט, ווי אַזוי ער אַליין האָט צום ערשטן מאָל "געפּרוּווט" און אָנגעשריבן "דאָס מעסערל", און וואָס פאַר אַן איינדרוק אויף אים האָט געמאַכט די גוטע קריטיק פונם גוטן "קריטיקוס" (ש. דובנאָוו). "ווער ווייסט? ווען ער זאָל מיך דעמאָלט געווען אויסזידלען, וואָלט איך אפשר מער ניט געשריבן. ער האָט מיר אָבער צוגעגעבן מוט"...

נאָר דאָ האָט ער געהאַט אַ טעות: ווייל שרייבן - דאָס איז געווען די נויטווענדיקסטע באַדערפעניש פון זיין נשמה, וואָס קיינער וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן, פּונקט ווי עס איז אוממעגלאַך אָפּצושטעלן דעם ווינט, דעם שטורם, דעם אוראַגאַן. דאָס איז געווען זיין לופט, זיין חיות, זיין סטיכישע קראַפט. ער האָט געשריבן אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, אָן דעם קלענסטן צוואַנג, אָן שום מאַטערניש, אָן מידקייט, אָן שווייס. עס האָט זיך ביי אים געשריבן אַזוי נאַטירלעך און אַזוי לייכט, ווי עס קוועלט אַ קוואַל, ווי עס בלאָזט דער ווינט אין פעלד, ווי עס קייקלען זיך די כוואַלעס אויפן ים.

שרייבן איז ביי אים געווען אַ פאַרגעניגן. צו זיין ביכעלע - אַ קליינס, אַ שיינס, מיט דינע בלעטלעך און אין מעטאַלענע טאָוולען געבונדן - פלעגט ער זיך איילן, ווי אַ פאַרליבטער צו זיין געבליבטער. און פונקט אַזוי צערטלעך, ווי אַ פאַרליבטער, פלעגט ער דאָס ביכעלע אָפּהיטן. שטענדיק איז עס געווען מיט אים צוזאַמען.

ער האָט ניט ליב געהאַט צו קלאָגן זיך. אַדרבה, אין יעדער זאַך איז ער געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט, אַלצדינג האָט ער זיך פאָרגעשטעלט בעסער, ווי עס איז געווען, און בריוו האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן נאָר גוטע.

איך געדענק זיינע בריוו פון איטאַליע - פול מיט התפעלות פון דער דרומדיקער נאַטור און דער דרומדיקער זון. "איך בין געזונט, מונטער און אַלצדינג איז אויסגעצייכנט גוט", - פלעגט ער שרייבן אין יעדן בריוו. און טאַקע גלייך אויפן אָרט איז געקומען אַ צושריפט פון דער מאַמע, צי פון איינער פון מיינע שוועסטער, אַז דאָס געלט האָלט שוין ביים אויסגיין, אַז דער פּאַפּאַ איז קראַנק, און אַז דאָס וועטער איז אויך זייער שלעכט...

איצט פאַרשטיי איך, אַז ער איז געווען אַ גרויסער עסטעט. אַן עסטעט אין אַלץ: אין זיין קליידונג, אין זיינע געשמאַקן, אין זיין עסן, אין דער באַציונג צו זיך, צו מענטשן און צו לעבנסדערשיינונגען.

עס דערמאַנט זיך, וואָס פאַר אַ שווערן איינדרוק אויף אים האָט איינמאָל געמאַכט אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג, אַז ער איז ווידער קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך דערפון אַזוי צום האַרצן גענומען, אַז ער איז באמת שיר ניט קראַנק געוואָרן. קראַנק זיין - דאָס איז, פריער פון אַלץ, ניט-עסטעטיש. אַ סך שענער איז, ווען ער, אַ געזונטער, אַ פריילעכער, שיין אָנגעטאָן אין זומערדיק-ווייסן. שפּאַצירט ביים ברעג פונם ים (אין נערווי) און שרייבט שפּאַצירנדיק אינם קליינעם ביכעלע.

- זעסט אָט די בערג?... נו, און בלומען אַזעלכע האָסטו שוין אַמאָל געזען?... דו גיב אָקאָרשט אַ קוק, וואָס פאַר אַ קאָליר דער ים האָט!...

ער האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומפירן אומעטום דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין איטאַליע און האָט ניט אויפגעהערט צו באַוואונדערן יעדעס בלימעלע, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ גאָרניט געזען טאָג-טעגלעך אין פאַרלויף פון לאַנגע חדשים.

- נו? האָסט שוין געזען?...

און זאָגן זאָגט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי אָט די אַלע בערג און די בלומען און דער ים געהערן צו אים. און אין דער אמתן, האָבן זיי דאָך טאַקע געהערט צו אים מער ווי צו אַלע אַנדערע, ווייל ווער נאָך ווי ער האָט אַזוי אויפריכטיק, מיטן גאַנצן האַרצן, באַוואונדערט זייער שיינקייט, זיך געצויגן צו זיי אין העכסטן עקסטאַז?

- און וואָס זאָגסטו עפּעס אויף מיין זון?

אָפּגעשטעלט זיך אינמיטן "מאַרינע" פּאַדריסן דעם קאָפּ אַרויף און צוגעשטעלט די האַנט צו די אויגן, קוקט ער גלייך אויף דער זון.

איך שטיי אויך מיט אים, פאַרזשמורע די אויגן, שטעל-אויס דאָס געזיכט צום פייערדיקן קנויל, וואָס ברענט און גלעט אין איין צייט, און איך דערפיל, אַז אַזאַ זון, ווי זיינע, האָב איך באמת נאָך קיינמאָל ניט געזען.

ער האָט געקאָנט פרייען זיך, ווי אַ קינד. ער האָט אָבער אויך געקאָנט טיף ליידן. יעדע שווערע, טרויעריקע געשעעניש פלעגט זיך לייגן ווי אַ כמאַרע אויף זיין זוניקער

◄

משה וואָלף

# מיין חלום מיט שלום־עליכמען האָט זיך פאַרצויגן.

"הס קטיגור וקח סניגור מקומו"
- שווייג באַשולדיקער, און זאָל דער
פאַרטיידיקער פאַרנעמען זיין אָרט"

ווי ס'איז באַוווּסט, חלומות חזרן זיך אָפּט איבער - טייל מאָל מיט אייניקע ענדערונגען, אָדער המשכים, אָבער דער עקר המעשה פאַרבלייבט דער זעלבער. אַזוי איז פאָרגעקומען מיט "מיין חלום מיט שלום־עליכמען". וועלכער איז פאַרעפנטלעכעט געוואָרן אין זשורנאַל "די צוקונפט" (1999. נומ. 1-2 זז' 109-111). דער חלום האָט זיך פאַרענדיקט מיט אונדזערביידנס באַגעגעניש מיט סטעמפעניו און זיין געליבטע - רחלען.

"...שניידנדיקע בליקן האָבן צעשפּאָלטן דעם הימל. אַ דוגער האָט זיך צעקנאַקט און פאַרהילכט סטעמפעניוס נגינה און רחלס זיפצן. דער ווינט האָט געריסן און געשמעטערט די בלעטער... סטעמפעניוס פידעלע האָט אויף יעדן בלאָז פון ווינט געענטפערט מיט אַ געוויין".

און דאָ קומט דער המשך:

מיר ביידע, איך און איינער פון די אָדעסער פישערס האָבן גענעצטיקט ביים ברעג פונעם שוואַרצן ים, אונטער אַן איבערגעקערטער שאַלאַנדע - געוואַרט אויף נעפּטונען, דעם אַלטן גריכישן אָפּגאָט. לויט דער אַלטער טראַדיציע מיט זיין אָנקום קיין אָדעס - אין אָדעסער ים־פּאָרט, הויבט זיך אָן דער ים־יום־טוב. ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן איז שוין געווען טאָג. - זונטאָג. אַ ביסל שטילער איז געוואָרן דער ווינט. אָבער, ווי פריער האָט געדונערט. און די זיגזאַג־בליצן האָבן געבלענדט די אויגן און ווייט־ווייט באַשיינט דעם האָריזאָנט. פון די הייזער האָבן זיך אַרויסגעשאָטן די איינוווינער פון דער שטאָט. אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער, מיט בונטע בלומען אין די הענט, ערנסטע, מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ זיינען זיי געגאַנגען - דער זון אַנטקעגן.

◄

נשמה. אַז איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם טויט פון מיין עלטערן ברודער, האָב איך מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן:

- ווי אַזוי זשע וועט ער דאָס אַריבערטראָגן? און ער האָט דאָס ווירקלעך ניט אַריבערגעטראָגן.

אין דער חיים פלעגט מען שטענדיק פון אים אויסבאַהאַלטן אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן.

- זאָגט נאָר ניט דעם פּאַפּאַ! - פלעגט די מאַמע בעטן.

- שטילער! לאָז דער פּאַפּאַ ניט הערן! - פלעגן מיר, קינדער, ריידן שטיל צווישן זיך, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז אויף אים וועט דאָס ווירקן אַנדערש', שאַרפער און טיפער, אַז זיין נשמה קאָרטשעט זיך אונטער יעדער גראָבער באַרירונג פונעם לעבן, ווי אַ צאַרטע בלום, ווען עס רירט זיך צו צו איר גראָב אַ האַנט...

און אויך איצט נאָך, צען יאָר נאָך זיין טויט, ביי יעדער געשעעניש, סאַי אַ פריילעכער, סאַי אַ טרויעריקער, - טראַכט זיך מיר ניט ווילנדיק: ווי אַזוי וואָלט זיך דערצו באַצויגן און וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דער פאָטער, - שטייענדיק גאַנץ פרי ביי זיין הויכן פּרימאָרגנדיקן שרייבטישל אין זיין ווייכן באַד־כאַלאַט?...

– אַט זע ווי זיי שפּאַנען! – האָט מיט שטאָלץ ניט איין מאָל איבערגעחזרט דער פישער און מיין גאַסט, שלום-עליכם. – היינט איז דאָך ביי ניט-יידן חגא, און פאַר אונדזער עמך – ערב יום כיפור. דאָס גייען זיי צום בית עולם, באַזוכן די פאַרשטאָרבענע קרובים. אַזאַ איז דער מנהג – האָט ער צוגעגעבן.

ביים טויער פונעם בית-עולם האָבן זיך געשטופּט אַ סך מענטשן און די אויפמערקזאַמקייט האָט צו זיך צוגעצויגן אַ משונהדיקער אויפשריפט: "היינט איז דער אַריינגאַנג נאָר מיט איינלאַדונגס-בילעטן". צוויי מענער מיט רויטע באַנדן אויף די אַרבל האָבן קאָנטראָלירט די בילעטן און געהיט די אָרדענונג.

– דיין איינלאַדונגס-קאַרטל?! – האָט מיך שטרענג אַ פרעג געטון איינער פון די קאָנטראָליאָרן, ווען איך האָב געפּרוווט זיך דורכשמוגלען.

– איך, איך בין אַ שרייבער, און ער... ער איז מיין... ממיין... האָט געשטאַמלט מיין גאַסט . – שלום-עליכם! שלום-עליכם! האָב איך מיט שטאָלץ געשריגן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף אים.

– וואָס?! ווער?! "שלום-עליכם?! האָט מיר שטרענג איבערגעריסן דער פאַרשוין. ווי שעמסטו זיך ניט! אין אַזאַ אָרט, אין אַזאַ צייט! צו שפּאַסן... אָפּנאַרן! – שלום-עליכם איז שוין לאַנג דאָרטן. ער זיצט אויף דער טריבונע! – האָט שטרענג אַ וויז געטאָן דער צווייטער שומר. – אַנו העט פון דאַנען!

– מיין "שלום-עליכם" האָט אויף אַ רגע זיך איינגעבויגן, אַ שמיר געטאָן דאָס פּנים. ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, איז פאַר דעם קאָנטראָליאָר געשטאַנען ביז גאָר אַן אַנדער מענטש. פון דער זייט-קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין רויט ביכעלע, באַוויזן דאָס דעם שומר און שטיל אים אַ שעפּטשע געטון אין אויער.

– אויב אַזוי, ביטע! איר קאָנט גיין! נאָר ניט פאַרהאַלטן זיך! אויף די טריבונעס איז שוין כמעט קיין פריי אָרט ניטאָ – האָט פריינטלעך געזעצעט דער קאָנטראָליאָר.

אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם הימל, זיך צעשפּרייט איבער דער ערד. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ רויך האָט פאַרדעקט די מצבות פון די קברים. פּאַמעלעך האָבן מיר געשפּאַנט איבערן פעלד. ס'האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט, צעווייעט דעם נעפּל, און ס'איז געוואָרן לייכטער פאַרצווזעצן דעם וועג.

ווען ס'האָט זיך אויסגעלייטערט די לופט, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ גרויליק בילד: דער בית-עולם איז געלעגן אין רוינען, אַ צעשמעטערטער, אַן אומגעקומענער. פון אים זענען געבליבן נאָר צעדריבלטע שטיינער. נאָר העט ווייט אויף מזרח, דאָרט ביים גוידער, ווו אַמאָל איז געווען דער עק פונעם בית-עולם, זיינען איצט געשטאַנען די נאָרוואָס אויסגעבויטע טריבונעס. הינטער זיי, ווי פאַריתומטע עדות האָבן זיך געצויגן הויכע, שוואַרצע פון מירמלשטיין אויסגעטאָקטע מעמאָריאַל-מצבות.

די ערד איז געלעגן אין שווערע ווונדן. איבער איר האָבן זיך געוואַלגערט די עצמות היבשות. פאַרשיידענעביינער – גרויסע און קליינע: פיס-ביינער, האַנט-ביינער, שאַרבנס, האַלבע און גאַנצע סקעלעטן. פאַרשטיינערטע זענען מיר פאַרגליווערט געוואָרן. די נאָכגייענדע מחנות האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט.

– וואָס שטייט איר? האָט זיך דעהערט אַ בת-קול – שרעקט זיך ניט!

פונעם המון האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, ברייטפּלייציקער זקן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ ברייט העמד פון לייך-לייוונט.

– פייסי דער קאָלקער! פייסי דער קאָלקער! – האָבן פון אַלע זייטן זיך געטראָגן ענטוזיאַסטישע קולות.

– קדיש דאַרף מען זאָגן! כורעים פאַלן! דאָ ליגן קרבנות פון די שוואַרצמאַהדיקע באַנדיטן. די נעמען פון די קדושים זענען פאַרקריצט אויף די שוואַרצע מירמל־שטיינער, וועלכע די היינטצייטיקע מחבלים האָבן ניט באַוויזן חרוב צו מאַכן. אַלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען.

ית-ג-דל וית-ק-דש! – האָט זיך צעזונגען פייסי דער קאָלקער, שמי ר-אַ אַ באַ! באָם-באָם-באָם האָבן איינשטימיק געענטפערט די גלעקער. אין דער לופט האָט ניט אויפגעהערט צו דונערן. צונויפגעמישטע מיט די גלעקער־קלאַנגען, מיט דעם גוואַלד פון אַן אייזערנעם נאַבאַט, האָבן זיי געריסן די טויערן אין הימל.

שטייט אויף, מענטשן!
הערט נאָר, הערט נאָר! הערט!
ווי עס רוישט די גאַנצע וועלט!

האָט זיך דערהערט אַ נייע, וואונדערלעכע און גרויזאַמע שטים. ווי אַ ריזיקע כוואַליע, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד דער המון.

– סיראָטע, סיראָטע! – האָבן געשריגן די זקנים.

דער וועלט־באַוווסטער חזן סיראָטע, אַרומגערינגלט מיט זיינע משוררים, האָט זיך באַוויזן פאַר דעם עולם. ער האָט אַ פּאַכע געטון מיט זיין דיריזשאַר־שטעקעלע, און אַ מעכטיק געזאַנג פון פאַרשיידענע שטימען האָט פאַרגאָסן דאָס פעלד:

"הונדערט טויזנט דערשטיקטע, לעבעדיק פאַרברענטע
אויפשטיין וועלן היינט,אויפשטיין וועלן היינט,
אינטערנאַציאָנאַלע קאָלאָנעס,
אונדזערע גוטע פריינט
אונדזערע גוטע פריינט!
צי דען הערט איר ניט די דונער־שאַלן?
דאָס איז ניט קיין וועטער, קיין הוראַגאַן.
דאָס בושעווען מיט פייער
די וואַסער־קוואַלן.
ס'קרעכצט דער אָקעאַן, דער שטילער אָקעאַן.
דאָס שטורעמט,
דאָס שטורעמט
דער שטילער אָקעאַן".

ית-גדל וית-קדש –האָבן זיך געריסן צום הימל די אַלטע, טויזנט מאָל איבערגעחזרטע ווערטער, פאַרוויקלטע מיט פייסי קאָלקערס נגינה.

– באָם-באָם-באָם! – האָבן די גלאָקן מיט דעם אייזערנעם נאַבאַט געשיקט זייער ענטפער פאַר דעם פאַרכישופטן עולם.

– איצט לאָמיר גיין ווייטער! – האָט פאַראָרדנט פייסי, טויזנטער פיס האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן אין איין טאַקט:

אינטערנאַציאָנאַלע קאָלאָנעס,
סטראָיען זיך, סטראָיען זיך
שורעסווייז, אָטריאַד צו אָטריאַד!

געקלאַפּט האָבן ריטמיש די טריט איבער דעם באָדן פונעם פאַרחושכטן בית־עולם. ווידער האָט אָנגעהויבן בלאָזן דער ווינט. דאָס מאָל נידעריק איבער דער ערד, און ער האָט געוויגלט די ביינער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן פעלד. די ביינער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און געפּרוווט זיך אויפשטעלן. אָט קריכן זיי שוין. נעמען זיך צונויף, שאַפן גאַנצע אברים - הענט, פיס, ריפּן און ברוסטבטקאַסטנס, באַוואָקסענע מיט מוסקולן, און נאָך אַ גרויזאַמער וווּנדער - זיי שטעלן זיך אַוועק אויף זייערע פריערדיקע נאַטירלעכע ערטער. און עס באַוויין זיך באַוואָפענע מענטשן.

אַלץ שווערער איז צו גיין. דער וועג איז אָנגעפילט מיט די תחיית־המתים׳דיקע אויסגעדאַרטע סקעלעטן. זיי נעמען זיך צונויף - שורה צו שורה, מחנה צו מחנה. בראש פון זיי שפּאַנט ניט איילנדיק, פייסי דער קאַלקער. אין האַנט ביי אים - אַ גרויסער שופר - שברים, תרועה, תקיעה גדולה. דער עולם האָט זיך צעהודיעט:

„הערט נאָר, הערט נאָר,
ס׳רוישט די גאַנצע וועלט!
די גאַנצע וועלט, די גאַנצע וועלט!"

אינטערנאַציאָנאַלע קאָלאָנעס, שורה צו שורה, אָטריאַד צו אָטרייד - פּאָרויס! פּאָרויס! - קאָמאַנדעוועט זייער אָנפירער.

דער עולם האָט זיך פאַראייניקט מיט די מאַרשירנדיקע און איינעם מיט זיי זיך געלאָזט אין וועג. און ווידער האָט געשאַלט דער שופר. און ווידער אויפגערעגט און אויפגערודערט, האָט געברומט דער ענטפער.

מענטשן, מענטשן שווערט זיך!
מיר ווילן פרידן, שלום
שלום אין דער גאָרער וועלט,
אין דער גאָרער וועלט!

מחנות איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער, הינטערשטעטלעך, נאָענטע שטעט - צוזאַמען מיט די פריער אָנגעקומענע פּיליגרימען האָבן אַלץ געדיכטער פאַרפולט דאָס פעלד. צוזאַמען מיט די פון טויט־אויפגעשטאַנענע, האָבן זיי פאַמעלעך זיך דערנענטערט צו די טריבונעס. גיין איז געווען ניט גרינג. מע האָט זיך געמוזט ניט איין מאָל אָפּשטעלן. ווען אַלע האָבן דערגרייכט דעם אַריינגאַנג צום בית־עולם, האָט זיך שוין געזעצט די זון. דער גאַנצער המון ווייבער, מענער, זקנים און קינדער זיינען געשטאַנען אויף די פיס און מיט גרויס אָנשטרענג געוואַרט אויפן אָנהייב פון דער תפילה.

דווקא איצט, ווען ס׳איז געוואָרן שטיל, האָב איך באַמערקט, אַז מיין גאַסט שלום־עליכם איז פאַרשווונדן. איך האָב אים געזוכט, געפרעגט מענטשן, וועלכע האָבן מיך געזעען מיט אים. קיינער האָט ניט געוווּסט וווהין ער איז נעלם געוואָרן. פּלוצעם האָב איך אים דערזען אויף דער טריבונע. אים האָבן אַרומגערינגלט פיל מענטשן - באַקאַנטע און נייע. ווי אַזוי ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן „אַריבערפּליען" דורך דעם המון, דורך דעם פאַרקן און די פאַרפולטע בענק מיט מענטשן, האָט אַרויסגערופן וווּנדער ביי אַלע מיינע און זיינע באַקאַנטע. איך בין נאָך געווען אַלץ פאַרכאַפּט מיט דעם געשעענעם, אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָב איך דערפילט, ווי עמיצער שרייט מיר אין אויער. „דאָס איז דאָך ער, דיין שלום־עליכם". ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף קאָלדוניעס

קאַטשערנע און אין איין אויגנבליק איז ער שוין געווען נעבן מיר.

- ווו האָסטו זיך אַהין געטון? - האָט ער ביייזלעך מיך אויסגעפרעגט. - אַ דעלעגאַציע איז דאָך געקומען אונדז צופירן צו די טריבונעס, ווען ס׳זענען געווען נאָך פרייע ערטער. איך האָב דיך גערופן און גערופן. און דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן!

- איצט קום מיט מיר.

איך האָב געוואָלט אים דערציילן, אַז איך האָב אים אויך געזוכט, נאָר ער איז ווידער פאַרשווונדן. איך טו אַ. קוק - ער איז שוין ווידער אויף דער טריבונע און דערציילט עפּעס די נייגעריקע מענטשן.

די בינעס, די בענקלעך און די גרויסע האַלב-קיילעכדיקע סצענע מיט אַ ריי אַנטיקוואַרע שטולן, באַדעקטע מיט זייד, זענען שוין אַלע געווען פאַרנומען. אין סאַמען אויבנאָן איז געזעסן דער עלטסטער - אַ דורכזיכטיקער, אַ ציכטיקער, ווייס-גרויער זקן, ער האָט געשמייכלט און דורך זיינע בלישטענדיקע פענסנע-ברילן, פריינטלעך געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע.

- מענדעלע! מענדעלע מוכר ספרים! - האָט זיך די ידיעה מיט גרויס דרך-ארץ איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. רעכטס פון אים איז לייכט געווען צו דערקענען די אַנדערע בכבודיקע, באַוווסטע אבות און פריינט: שלום-עליכם, י.ל.פרץ, שלום אַש, פרץ מאַרקיש, קוויטקאַ, דער נסתר, מיכאָעלס, זוסקין, באַבעל, סטאַלאַרסקי, גנעסין און אויך די ניט-יידישע פריינט - מאַקסים גאָרקי, קאָראָלענקאָ, ל. אַנדרעיעוו, וואַכטאַנגאָוו, שאָסטאַקאָוויטש און נאָך שרייבער און קינסטלער פון די פאַרגאַנגענע דורות.

לינקס פון מענדעלען זיצן זיינע הייינטצייטיקע לעבעדיקע אור-און אפשר אור - אור אייניקלעך - אַ סך בכבודיקע לייט פון אונדזער דור.

אין מיטן פון דער סצענע - אַן עמוד. ביי אים אויף אַ הילצערן בענקעלע שטייט דער חזן - אַ מיטלוווקסיקער, שמאַלפּלייציקער, אַ ביסל סוטולער מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט, דער קאָפּ באַדעקט מיט שניייווייסע האָר, וואָס שפּאַרן אַרויס פון דער שטייף-אַגעקראָכמאַלעטער ווייסער, הויכער מיטרע-יאַרמולקע. דאָס פּנים זיינס צעקנייטשט מיט מאָרטשינעס פון דויערנדיקע ווייטיקן, וואָס הערן ניט אויף, אַפּנים, ביז היינט צו מוטשען זיין גוף און די נשמה זיינע. אויגן - טיפע, אומרויקע, וועלכע בייטן אַלע וויל זייער קאָליר, נאָר בייטן נישט זייער אויסדרוק - שטרענגע, פאַנאַטישע, בויערנדיקע אויגן. שטענדיט קוקן זיי ווייט-וויט - ערגעץ אין דער הויך, העכער פון דעם, צו וועמען דער רעדנדיקער ווענדט זיינע ווערטער.

- דאָס איז דאָך ירמיהו, אירמע, אירמע, אירמע דרוקער! שעפּטשען זיינע שילער, אַ סך מענטשן, וואָס קענען אים, וואָס האָבן ניט איין מאָל געהערט זיין חזנות-זינגען, געלייענט און געקוויקט זיך מיט זיינע "מוזיקאַנטן" און מיט אַלע אַנדערע זיינע ווערק. איצט שטייט ער אַן אויסגעגלייכטער, דאָס פּנים אָגעווענדט צו מזרח-זייט. דער קאָפּ עטוואָס פאַרריסן, די אויגן פאַרמאַכט. שטיל באַוועגן זיך די ליפּן. מיט אַ מאָל טוט ער זיך אַ קער צו די פרויען, וועלכע שטייען אָפּגעזונדערט פון זייערע מענער. צווישן די פרויען שטייט די, אין וועלכע ער איז אַ מאָל פאַרליבט געווען און האָט 10 יאָר אין די לאַגערן, וווהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן, יעדן טאָג געדאַוונט צו איר. זי האָט זיך כמעט נישט געענדערט. אירע גליענדיקע, גרויסע ווי שוואַרצע קאַרשן, עטוואָס ברוגזע, אויגן קוקן איצט אויף אים. און ער, ער דער 75-יאָריקער יונגער מאַן, דאַוונט, און נאָך מער, רעדט ער צו איר:

-"הגוף שלך והנשמה שלך,
חוסה עלי.
עשה למען שמך!
(מיין קערפּער און מיין נשמה זענען דיינע.
דערבאַרעם זיך אויף מיר.
...טו עס גיט צוליב מיר!
פאַר זיך, פאַר דיין ליבן נאָמען,
טו עס, דערבאַרעם זיך אויף מיר!

יאָ! יאָ1 ער איז גערעכט! האָט דער "זיידע" באַגיטיקט דרוקערס אַריינפיר צו דער תפילה און האָט צוגעגעבן: -היינט איז דאָך "הרת עולם" - דער גאַנצער קאָסמאָס גייט היינט צו קינד! אַ נייע וועלט ווערט היינט געבוירן! - אַ וועלט פון שלום און פון אויפקום. איך בין אָבער זיכער, אַז שלום קאָן ניט זיין אָן סליחה ומחילה. דערפאַר דערלויבט מיר בעטן דעם חזן אָנהויבן "כל נדרי".

אַ שטאַרקע פלעסקעריי האָט זיך צעטראָגן איבערן פעלד. אירמע האָט אויפגעהויבן זיינעביידע הענט. מיט איינער האָט ער זיך געווענדט צו סיראָטען, מיט דער צווייטער צום אָרקעסטער און כאָר. אַלע זענען אויפגעשטאַנען.

אירמעס פיגור האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט. זי איז געוואָרן העכער... פלוצעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו אונדזער גאַסט מיט דער באַוווסטער תפילה און ניגון:

"סלח נא לעם הזה כגודל חסדך
כי לכל העם בשגגה".
(פאַרגיב אונז, וואָס מיר האָבן
פאַרנאַכלעסיקט יידיש!
ווייל דאָס פאָלק
האָט געטאָן דאָס קעגן זיין ווילן"!

שלום-עליכם האָט ביטער געשמייכלט. צוויי זויבערע טוי־קאַפּליעס האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים, און ווען זיי האָבן דערגרייכט צו זיין בערדל האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע אויסגעזונגען:

"סלחתי כדברך,
סלחתי כדברך,
סלחתי כדברך!"
(ווי איינער זאָגט: "איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען! איך בין מוחל, מוחל, מוחל ווייל דאָס איז טאַקע ניט אייער שולד. בשגגה! - מען האָט אייך געגנייט דערצו.")

סיראָטע און זיינע משוררים, האָבן די לעצטע ווערטער איבערגעחזרט 3 מאָל. מונטערע, שטורמישע אָוואַציעס האָבן פאַרפלייצט דאָס פעלד. אַן אומויפהערנדיקע אָוואָציע האָט זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס פון ים. די מתפללים האָב מיט די פיס געטופּעט און געקלאַפּט מיט די הענט. מענטשן האָבן געשריגן "אמן, אמן". מער פון אַלע האָב איך געווילדעוועט.

און דאָ האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן זעץ אין מיינע ריפּן.

←

## פּיניע פּלאָטקין

# דער לעצטער פון דער מינסקער קאַהאָרטע

איך גיי פון ערשטן ביז דעם לעצטן שטאָק
כ׳וואָלט כאָטש איינעם באַגעגענען וועלן,
אַוועלכער, אָן אַ טעות נישט איין מאָל אין טאָג
זאָל פאַרשטיין, ווי כ׳בין אָרים און עלנט.

נאָך אַ שעה, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך -
און די געביידע וועט מען מוזן פאַרשליסן...
וואָס וועט זיין מיט די אוצרות דערנאָך?
קיינער ווייסט נישט, קיינער וויל נישט וויסן.

אויב צום לעבן נישט שטענדיק קלעקט,
אויב אַ קאָפּיקע, צי אַ צווייטע, פאַרשפּאָרט מען,
הייסט, אַז ווייט פון מיין געבוירן־שטאָט לעבט
דער לעצטער פון מינסקער קאַהאָרטע.

אָט זע איך אין חלום די שטאָט,
די געסעלעך ענגע, די שטיבער נישט גרויסע.
נישט כאַריק בין איך און נישט אַקסעלראָד,
נישט הירש רעלעס, נישט קולבאַק משה.

אויב די ערד אויף אַ רעגן וואַרט -
הויך אַ כמאַרע אַ שווערע וואַנדערט,
הייסט, אַז ערגעץ אַ הולה שטאַרבט -
איך וואָלט וועלן שטאַרבן אַנדערש. ←

---

איך האָב אויפגעעפנט מיינע פאַרחירושטע אויגן. אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען דער גאַסטפּריינטלעכער פישער. ער האָט מיך געטרייסלט און געזידלט:

– אַך טראַסטי טוואָיו מאַט! טרייסלען זאָל דיין מאַמען! פאַרוואָס שלאָגסטו מיך? פאַר מיין פריינטשאַפט! וואָס פאַר אַ שלאַנג האָט דיך געביסן? האָסט דאָך שיר ניט צעבראָכן די שאַלאַנדע, אונטער וועלכער מיר שלאָפן!"

לאַנג האָב איך ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ער רעדט צו מיר. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָט שוין געשיינט די זון און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ חלום, אַ טרוים. אַ טרוים וועגן וועלכן מיין מאַמע ע״ה פלעגט זינגען:

אין טרוים איז מיר העלער,
אין טרוים איז מיר בעסער
אין טרוים איז דער הימל העלער פון בלוי.

פאַרשטייט זיך - נישט פון אַן אוממענטש, נאָך מער
פון אַ טייפון, פון אַ ווילדע צונאַמע,
נאָר דאָרט אויף דער ביטערער ערד,
ווו ס'ליגן באַגראָבן מיין טאַטע און מאַמע.

צי וועט קאָנען אַ פאָרשער פאַרשטיין
און צייטנווייז האַלטן אין זינען,
אַז ווייט פון דער היים האָט געוווינט
אַ יידישער דיכטער פיניע -
דער לעצטער פון מינסקער קאַהאָרטע.

(לאָס-אַנדזשעלעס, 2005)

## האָט איר נישט געזען?

האָט איר נישט געזען ווי אַן איוואָלגע בענקט -
פילט זיך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, פריילעך.
האָט איך נישט געזען ווי אַן איווע וויינט?
אַוועלכע איז זייער ווייט פון איר היימלאַנד.

האָט איר נישט געזען ווי די זון נישט געוואַרט
רייסט פון זיך טאָג־און־נאַכט גאַנצע שטיקער?
האָט איר נישט געזען ווי אַ באַרנבוים שטאַרבט
צייטנווייז פון אַ בייזן געוויטער?

האָט איר נישט געזען ווי אַ ווערבע בייגט זיך
ווען דער ווינטער איז שוין נישט ווייט?
ווען דער קאַלטער אָסיען מיט איר צעשיידט זיך
ווי גוטע פריינד, ווי גוטע פריינד?

האָט איר נישט געזען ווי אַ ווינט אַ שטיפער
בייגט אָן רחמנות די אומעטיקע ווערבעס?
האָט איר נישט באַמערקט ווי זי איז זיכער,
אַז קיינעם אַרט נישט, אַז קיינעם אַרט נישט?

האָט איר נישט געפילט אַ ביטערן ווייטאָג?
האָט איר נישט געזען ווי מענטשן שטאַרבן?
האָט איר נישט געזען ווי אַ טאָפּאָל ווערט ברייטער
נאָך אַ געוויטער, נאָך אַ מבול?

האָט איר נישט געזען ווי אַן אַלטיטשקע רוקט זיך,
מיט אַ גאָלדענער קייט איר פּנים באַפּוצט זי
און צווישן מענטשן אויף די לאַנגע טראָטואַרן
האַלט הויך איר קאָפּ, אַז קיינעם זאָל נישט אַרן?

(סאַנטאַ מאָניקאַ, 2005)

# פון לירישן העפט

* * *

צוויי איידעלע קלאַנגען אין טיר
מיך וועקן אויף, שטעלן אַוועק,
וואָס האָבן פון מיר
די, וואָס זיינען שוין אַוועק לאַנג?

אַ מין נייע נסיעה שטייט פאָר, שטייט פאָר-
ס׳ווילט זיך ווייטער פאָרן, נאָר וווהין?
און די איוואָלגע קומט נישט, קומט נישט
נישט צו דיר, נישט צו מיר.

* * *

דער הימל פון איין אָרט צו אַנדערן פירט
א יעטווידן מענטש צו די שיינקייטן זיינע.
ס׳איז גוט, וואָס פלאַנעטע "ערד" עקזיסטירט,
וואָס זי אין אַלוועלט איז נישט איינע.

* * *

מיר שטייען און הערן די צויבערע קלאַנגען
און יעטווידער איינער פון אונדז איז פאַרכאַפּט.
מיר דוכט זיך, אַז מאָצאַרט, סאַלערי דאָרט זיינען
באַגינען, אין סאַמע בייטאָג און ביינאַכט.

מיר ווילט זיך, אַז אונדז זאָל נישט אומעטיק ווערן-
דאָס דאַרפן די שפּילער און פויקער פאַרשטיין.
דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן
און איך לעם אָרקעסטער בין איינער אַליין.

געוויס איז פאַראַן מיט וואָס זיך באַרימען,
אין זאָל איז נישט קאַלט, קיינער ליידט נישט פון קעלט.
איך מיין, אַז באַ זיי די געהייבענע שטימונג
גיט זיך איבער פון זאָל אויף דער הייליקער ערד.

(לאָס אַנדזשעלעס, 2004)

אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# די פרויען־גוואַרדיע אין דער ישראל־אַרמיי

אשת חיל מי ימצא
רחוק מפנינים מכרה
(ווער עס האָט אַ בראַווע פרוי געפונען,
ווייסט, אַז טייערער פון פערל איז איר פרייז)

אין די מערסטע נאַציאָנאַלע רעגולערע אַרמייען דינען נישט קיין פרויען. טרעפן אַ יונג מיידל אין אַן אַרמיי־אוניפאָרם רופט שטענדיק אַרויס אַ געוויסע פאַרוווּנדערונג. אין ישראל אָבער איז אַ מיידל (פרוי) אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ סאָלדאַט, וועלכער גייט אַריין אין אַ פּאָטשט מיט זיין אויטאָמאַט אָפּשיקן אַ טעלעגראַמע צו זיינע עלטערן, אָדער געליבטע. זעלנער אין קליידלעך באַשיינען אין אונדזער צייט אַלע מינים פון דער ישראלדיקער אַרמיי, און קיינעם וווּנדערט דאָס ניט.

אין דער גרינדונג, בויונג און פאַרברייטערונג פון די ערשטע ישראלדיקע יישובים, אין זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן די פרויען (יונגע מיידלעך) געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל.

אין זומער 1914 האָט אַ גרופּע יונגע פרויען פון דער 2־טער עליה אָרגאַניזירט די מועצת הפועלות (אַ ראַט פון דער ערשטער גרופּע פרויען־אַרבעטער) וואָס האָט צוגעגרייט אירע מיטגלידער צום נעמען אָנטייל אין אַלע אָפּטיילן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט (גלייך ווי די מענער). נישט געקוקט אויף דעם ווידערשטאַנד פון די פאַנאַטישע רעליגיעזע קרייזן, האָבן די פרויען גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רעפּרעזענטאַטיווע וואַלן פון די יישובים. אַ גרויסע ראָל האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט אויסגעפּילט העניריעטע סאָלד, א.מ. שוחט, רחל ינאית בן־ צבי א״א.

בעת דער 2־טער וועלט־מלחמה זענען 3000 יידישע פרויען פון פּאַלעסטינע (וואָס איז געווען אונטער ענגלישן מאַנדאַט) פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין די באַהילפיקע אָפּטיילונגען פון דער ענגלישער אַרמיי.

דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג, דוד בן־גוריון, האָט נישט איין מאָל דערקלערט, אַז די דינסט אין דער ישראל אַרמיי איז דער העכסטער סימבאָל פון אויספילן דעם בירגערלעכן חוב, און "כל זמן די פרויען און מענער זענען נישט גלייך אין אויספילן דעם דאָזיקן בכבודיקן חוב, קאָן ניט זיין קיין רייד פון גלייכבאַרעכטיקונג. מיליטער־דינסט פאַר די טעכטער פון ישראל איז איינע פון די יתודות פון דער יידישער מלוכה.

די פרויען־עמאַנציפּאַציע אינעם אַלטן און נייעם יידישן לאַנד האָט אַ לאַנגע היסטאָריע. זי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם ביבלישן פּעריאָד, ווען די העראָישע דבורה האָט מיט געוווער אין די הענט באַשיצט דאָס לאַנד פון די אויסלענדישע שונאים, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס לאַנד. צוזאַמען מיט די מענער האָבן די פרויען גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אונטערערדישע מיליטער־אָרגאַניזאַציעס "הגנה", לחי, אצל, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון ישראל. צווישן די פּאַראַשוטיסטן, וועלכע די בריטישע אָפיצירן צוזאַמען מיט דער הגנה האָבן געגרייט אַראָפּצוואַרפן אין די אָקופּירטע נאַצי־ראַיאָנען, זענען געווען צענדליקער יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן העראָיש געשלאָגן דעם שונא. אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען אין די שלאַכטן. די בריטישע מיליטער־אָנפירונג האָט זייער לאַנג זיך קעגן געשטעלט דעם ווילן פון די פרויען אָנטייל צו נעמען. אין די שלאַכטן פאַר דער באַפרייונג די

געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן געשמאַכט אין די נאַצישע טויט־לאַגערן.

דער פֿרויען־קאָרפּוס אין דער ישׂראל־אַרמיי איז געגרינדעט געוואָרן דעם 16 מיי 1918. באַלד נאָך דעם אויפֿקום פֿון דער זעלבשטענדיקער מדינת ישׂראל. דער ערשטער קאָמאַנדיר איז געווען די פֿרוי, פֿאַלקאָווניק שושנה גרשון, אַ געבוירענע אין רוסלאַנד און אַן אויסגעשולטע אין דער הגנה און אין דער בריטישער אַרמיי.

אין הסכם מיט דעם מיליטערישן געזעץ פֿון 1959 וועגן דינסט אין דער ישׂראל־אַרמיי געהערן פֿרויען צום דינסט אין עלטער, אָנהייבנדיק פֿון 18 יאָר פֿולקאָם געזונטע, ניט קיין חתונה געהאַטע און האָבן ניט קיין קינדער. פֿאַר רעליגיעזע פֿרויען און אויך פֿאַר די, וועמען די דינסט אין דער אַרמיי איז קעגן זייערע מאָראַלישע ווערטן, עקזיסטירט אַן אַלטערנאַטיווע (בירגערלעכע) דינסט, וועלכע ווערט אָנגערופֿן אין "שירות לאומי".

דער אָבליגאַטאָרישער דינסט־טערמין פֿאַר פֿרויען איז 1 יאָר און 19 חדשים. אָבער אין באַזונדערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, (באַזונדערס – אין די שלאַכט־אָפּטיילונגען) פֿאַרציט זיך טייל מאָל דער טערמין ביז 3 יאָר – ביז צום אומבאַדינגלעכן טערמין פֿאַר מענער. דאָ איז פּאַסיק צוצוגעבן, אַז גראָד פֿרויען, אין אַ ריי פֿאַלן, נאָך דעם ווי עס ענדיקט זיך זייער אָבליגאַטאָרישער דינסט־טערמין, בעטן דער אָנפֿירונג צו פֿאַרלענגערן זייער דינסט אין דער אַרמיי, אָדער זיי גייען זיך לערנען אין די ספּעציעלע מיליטערישע מיטל־אָדער הויכשולן, כדי באַקומען מיליטער־ספּעציאַליטעטן פֿון הויכער קוואַליפֿיקאַציע.

ביז צום סוף פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט האָבן מיידלעך אין מערסטן טייל געדינט אין די געהילף־אָפּטיילן ווי סעקרעטאַרינס, טעלעפֿאָניסטקעס, סאַנאַינסטרוקטאָרינס, שאָפֿערן א"אַ שטאַב־אַרבעטן. איצט אָבער, אין די לעצטע יאָרן, דינען זיי אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער אין די טאַנקען־טיילן אין די סנייפּער־און סאַפּיאָר שולן, ווו זיי נעמען אָנטייל אין צוגרייטן די ספּעציעלע זעלנער און אָפֿיצירן צו זייערע אַרויסטרעטונגען אין קאַמף־אָפּעראַציעס.

די ישׂראל פֿעמיניסטינס זענען אָבער געווען ניט באַפֿרידיקט אפֿילו מיט די אויבן דערמאָנטע "דערגרייכונגען". אין 1995 האָבן זיי זיך געווענדט צום העכסטן ישׂראל בית־דין, וועלכער האָט אונטער זייער דרוק אַריינגעבראַכט אַ ריי ענדערונגען אין דעם געזעץ פֿון מיליטערישער דינסט, וועלכע "דערלויבן די פֿרויען דינען אין אַלע שלאַכט־אָפּטיילונגען און זיך לערנען אין אַלע אָפֿיציר־שולן פֿאַר פֿליער – און ים – קאָמאַנדירן. אין 1997 איז עליס מיללער געוואָרן די ערשטע פֿרוי פֿון דעם פֿלי־קורס אין דער ישׂראל מיליטערישער עראָ־אַקאַדעמיע, און אין 2001 האָט לייטענאַנט ראָני צוקערמאַן די ערשטע באַקומען דעם טיטל – מיליטער־פּילאָט. צום ערשטן מאָל אין דער היסטאָריע פֿון צה"ל איז די פֿרוי שוש קחלון, איז ראַנג פֿון אַ פּאָדפּאָלקאָווניק (!) געוואָרן קאָמאַנדיר פֿון אַ מאָטאָריזירטן באַטאַליאָן.

אין 2001 איז דער מיליטערישער פֿרויען־קאָרפּוס ליקווידירט געוואָרן. אויף זיין אָרט איז אין באַשטאַנד פֿונעם אַרמיי גענעראַל־שטאַב באַשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע "אָנפֿירונג פֿאַר פֿרויען ענינים".

לויט די סטאַטיסטישע אָנגאַבן פֿונעם מיליטערישן זשורנאַל במחנה, פֿאַרנעמען איצט פֿרויען 35% פֿון דעם פּערזאָנעלעכן באַשטאַנד פֿון צה"ל און 26% פֿון אַלע אָפֿיצירן זענען פֿרויען. אמת, דערווייל איז זייער צאָל אין ראַנג פֿון אַ פּאָלקאָווניק און העכער פֿאַרהעלטנישמעסיק ניט קיין גרויסע. עס איז אויך פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די פֿרויען אין דער אַרמיי פֿילן אויס אַלע שווערע אויפֿגאַבעס ניט ערגער (און פֿיל מאָל – בעסער און פּונקטועלער) ווי די מענער.

לילקע מייזנער

# פּרימאָ לעווי - דער "בירגער" פון דער "פּלאַנעטע אוישוויץ"

"איך האָב מורא, אַז געוויסע פּרטים פון מיין זיין אין אוישוויץ פאַרשווינדן מיט דער צייט - כ'וויל זיי נישט פאַרלירן - דעריבער שרייב איך ווייטער".
(פון בוך "מאָמענטן פון אָפּרו" (פּרימאָ לעווי)



מיט 61 יאָר צוריק, דעם 27טן יאַנואַר 1945, זיינען געעפנט געוואָרן די טויערן פון דער "פּלאַנעטע אוישוויץ". האָב איך אין אָט דעם טאָג גענומען די פעדער אין האַנט און באַשלאָסן מאַכן אַ שפּאַציר אין "צייט" - נישט אַליין, נאָר מיט דיר - מיין לאַגער-ברודער, מיט דיר - דעם שרייבער וועלכער איז "דאָרט" געווען, אויף דער גרויליקער פּלאַנעטע, וואָס האָט געהייסן "אוישוויץ". איך האָב נאָך אַ מאָל געוואָלט הערן דיינע ווערטער, נאָך אַ מאָל געוואָלט זען די בילדער, ווי גרויליק זיי זאָל נישט זיין, ווייל די צייט פאַרמעקט זיי, עס בלייבט נאָר אַ טיפע וווּנד, וואָס עפנט זיך פון צייט צו צייט, און אייטערט - און ווי אַ דרימלענדיקער ווולקאַן, שפּייט זי פון צייט צו צייט אַרויס פייער - און ברענט! - היינט איז דער טאָג פון אונדזער שפּאַציר אין דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז אַן אייביקעווירקלעכקייט. אַ שפּאַציר אין דיין. - מיין לאַגער-ברודער, געדאַנקען-וועלט, אין דיינע זוכענישן און פּרוּוון צו פאַרשטיין! אין דיין אָבסעסיע צו "פאַרשטיין" דעם מוח פון מערדער, מערדער וועלכע האָבן צעשטערט די נאָרמאַלע מענטשלעכע באַגריפן און געענדערט דעם באַטייט פון וואָרט "מענטש".

איז, מיין גוטער פריינד, לאַגער-ברודער פּרימאָ לעווי - לאָמיר אַנהייבן אונדזער שפּאַציר, מיר די "באַפרייטע"...

מיר לעבן היינט אין אַן אייגנאַרטיקער צייט, ווען דאָס פּנים פון דער וועלט ענדערט זיך מיט אַן אויסערסט שנעלן טעמפּאָ. ווען אַלטע, איינגעפונדעוועטע אידעען ווערן צעשמעטערט, צעטרייסלט - קומט נאָך מער אויפן געדאַנק די תקופה פון מענטלשעכער דערנידערונג - און עס שטעלן זיך די פראַגן - דאַרף מען האָבן צוטרוי צום מענטש דעם שעפער - און אין דער זעלבער צייט - דעם אומברענגער, צעשטערער?! פּרימאָ לעווי שרייבט אין זיינע ביכער קלאָר וועגן אָט די ספקות - און וויל וועקן דעם מענטש, אַז ער מוז און דאַרף שטיין אויף דער וואַך. אין זיין אייגנאַרטיקן קורצן ראָמאַן אונטער דעם נאָמען "אויב נישט איצט - טאָ ווען?" (וועגן וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד) זאָגט ער צ"אַ: "די יידישע מאַסן טאָרן זיך נישט לאָזן באַהערשן דורך דעם גיפט פון האָפענונגלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג און וואַרטן פּאַסיוו אויף דעם, וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען - לאָזט זיך נישט איינוויגן צום שלאָף, ווייל די דייטשישע טאַקטיק

שטיצט זיך אַלע מאָל אויף היפּאָקריזיע און שווינדל".

פּרימאָ לעווי דער שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו צעברעקלען און אַריינקוקן אין דער מענטשלעכער נאַטור און נשמה און זען, וואָס קומט דאָרט פאָר; וועלכער איז דעם מענטשנס וועג פון טראַכטן און עקזיסטירן.

ער איז געווען מיין ברודער אין ליידן - און אויך אין דער צווייטער פאַזע פון לעבן - אין דעם אַזוי גערופענעם ווידערגעבורט, אין טראָגן אויף זיך די אחריות פון אַן עדות פון אַ צייט, וועלכע ווערטער זיינען נישט בכוח צו שילדערן.

אומבאַקאַנטער ברודער מיינער! דער אויסגעברענטער נומער אויף דיין אָרעם איז געווען 174517, מיינער איז 15907. דו ביסט דאָרט געווען אין 1944 און איך אויך. איך האָב דיך פיזיש נישט געקענט, איך האָב זיך ערשט באַקענט מיט דיין פּנים פון פאָטאָגראַפיעס, וואָס האָבן באַקגרוינט דיינע ביכער. דיינע אויגן אונטער די ברילן זיינען געווען דורכדרינגלעכע. דיין אַסקעטיש לאַנג פּנים - אומעטיק. דיין הויכער שטערן - אַ דענקענדיקער. די באָרד דיינע האָט דיך געמאַכט עלטער ווי דו ביסט געווען. דו ביסט געבוירן געוואָרן אין יאָר 1919 אין דער שטאָט טורין, איטאַליע. דיינע עלטערן זיינען געווען פון דורות איטאַליענישע בירגער און געצויגן דעם ייחוס פון די אַלטע וואַנדערנדיקע יידישע אור־זיידעס און באָבעס, וועלכע האָבן זיך אין זייערע וואַנדערונגען אָפּגעשטעלט טיילווייז אין שפּאַניע, טיילווייז אין איטאַליע. דער יידישער יישוב אין איטאַליע איז געווען אַן אַלט איינגעזעסענער. יידן האָבן דאָרט געוווינט פאַר צוויי טויזנט יאָר און זיך גוט איינגעבירגערט, פאַרנעמענדיק אָנגעזעענע ערטער אין דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטור־לעבן. טייל איטאַליענישע יידן האָבן זיך אַסימילירט, און טייל האָבן געהערט און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער יידישער געזעלשאַפט. דו און דיין משפּחה האָבן באַוווסטזיניק אויסגעטיילט זיך ווי יידן, און ווי דו דערמאָנסט אין איינעם פון דיינע ביכער. ביסטו שטאָלץ געווען מיט דעם.

דו האָסט געלעבט אין איטאַליע אין די טעג ווען מוסאָליני האָט איינגעפירט זיינע באַגרענעצונגען קעגן יידן, אָבער נישט אין אַזאַ פאָרעם ווי היטלער האָט עס שפּעטער געטאָן. דעריבער האָסטו געקענט ענדיקן דיינע שטודיעס אין אוניווערסיטעט און באַקומען אויסבילדונג אין כעמיע, די וויסנשאַפט האָט דיר שפּעטער געדינט אין דיינע שריפטן, ווו יעדע באַשרייבונג, יעדע געשעעניש איז גענוי אַנאַליזירט געוואָרן און געפּרווט דערגרונטעווען זיך צו יעדן פּרט.

ווען מוסאָליני האָט געשלאָסן יד־אחת מיט הילטערן האָסטו, פּרימאָ לעווי, אָנגעהויבן צו פאַרקערן אין די איטאַליענישע אונטערערדישע קרייזן. אין גיכן האָסטו זיך אָנגעשלאָסן אין די פאַרטיזאַנער־גרופּן און מיט זיי מיטגעמאַכט אַ צאָל אַקציעס. דעם 13־טן דעצעמבער 1943 ווערסטו אַרעסטירט צוזאַמען מיט 650 איטאַליענישע פאַרטיזאַנער. אין דער פּאָליציי וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט דעם פאַשיסטישן רעזשים, דערקלערסטו זיך ווי אַן איטאַליענישער בירגער פון יידישער אָפּשטאַמונג. דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער טאַט פון יידישער שטאָלצקייט און אָנגעהעריקייט. אין פעברואַר 1944 קומסטו אָן אין פאַרניכטונג־לאַגער אוישוויץ.

ברודער מיינער, דו ביסט געוואָרן דער עדות פון אַ צייט! דער *עדות פון דער "פּלאַנעטע אוישוויץ"* אַ דאַנק אַ צופאַל, ווערסטו צוגעטיילט צו אַרבעטן אין דער כעמישער פאַבריק צום פּראָדוצירן קינסטלעכע גומע, אין די באַוווסטע "פאַרבן אינדוסטרי פאַבריקן", וועלכע זיינען געוואָרן שפּעטער די פּראָדוצירער פון פאַרניכטונג־גאַזן.

אין דיין ערשטן בוך וועגן אוישוויץ אונטערן נאָמען "צי איז דאָס אַ מענטש" שרייבסטו: "אוישוויץ איז די פונדאַמענטאַלע דערפאַרונג פון מיין לעבן. פון ערשטן מאָמענט אָן האָב איך געוווסט, אַז איך מוז וועגן דעם אָרט דערציילן, אויב, אויב איך וועל דעם לאַגער איבערלעבן." און ווייטער - "מיר זיינען געשטאַנען פאַר געשלאָסענע טירן פאַר אַ געשלאָסענער וועלט און אין אונדזערע נשמת האָט אויפגעטויכט דער אוראַלטער ווייטיק פון אָ פאָלק". אוישוויץ איז פאַר דעם ייד און שרייבער, פאַר דעם געפאַנגענעם און לעבן געבליבענעם געוואָרן אַ שפּרונג־ברעט צום אַנאַליזירן די מענטשלעכע טאָטן, טראַכטונגען און טואונגען. דו האָסט אַנאַליזירט מיט דיין וויסנשאַפטלעכער מעטאָדיק, און מיט אַן אויג פון אַ קאָלאָסאַלן אָבסערוואַטאָר, די דאָזיקע אוממענטשלעכע פלאַנעטע. דו האָסט צווישן אַנדערע געזאָגט, אַז דו "האָסט גראַדוירט פון אוישוויץ," און אוישוויץ האָט דיך געלערנט "ווי אַזוי אָפּצושאַצן אַ מענטש אין אַ ברוכטייל פון אַ מינוט", דאָרט, דאָרט האָסטו זיך אָנגעטראָפן אויף דעם פּוילישן יידן, וועלכער האָט אויף דיר געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם. און אין אָ גאָר קורצער צייט האָסטו איבערגענומען יידישע ווערטער - דעם יידישן לאַגער־וואָקאַבולאַר, און געשטוינט פון דעם אויסדויערנדיקן כוח, וויטאַליטעט פון פּוילישן ייד. דו פירסט אַדורך אַ ריי אַנאַלאָגיעס פון כעמיע - כדי מאַכן אויספירן, און אין איינעם פון דיינע ביכער אונטערן נאָמען "די פּעריאָדישע טאַבעלע" (אַ כעמישער אויסדרוק פאַר אַ צאָל עלעמענטן), טיילוויז ביאָגראַפישע דערציילונגען - ס'רוב וועגן אוישוויץ, קומסטו טאַקע צו אויספירן. די שפּראַך וועלכע דו באַנוצט, איז אַ פּרעציזע, די באַשרייבונגען פון טאָג־טעגלעכן לאַגער־לעבן - אָן שום ליטעראַרישע באַפּוצונגען, ווערטער געציילטע, געמאָסטענע, געדאַנקען שאַרפע באַשולדיקן דאָס דייטשישע פאָלק - ווייל זיי האָבן געוווסט וואָס, עס קומט פאָר! דער סיסטעם פון לאַגער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די קראַנקע מוחות פון היטלערס נאָכפאָלגער - צו רעדוצירן דעם מענטש צו אַ חיה און דעהרומאַניזירן אים האָט דאָך געהאַט מאָמענטן, וואָס שיינען אַדורך, אין דעם טאָל פון טויט. פּרימאָס פריינד אין לאַגער זאָגט צו אים אָפּט: "וואַש זיך, וואַש זיך מיט וואָס דו קענסט, דאָס וועט זיין איינער פון די אינסטרומענטן פון מאָראַלישן לעבן־בלייבן. פון בלייבן אַ מענטש!" (ווער קען דאָס פאַרשטיין, אַז וואַשן זיך איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך אין די לאַגערן, וואָס איז אויך געווען אָ פאָרעם פון דעגראַדאַציע).

דו האָטס אין דיינע דערציילונגען געוואָלט פּינקטלעך איבערגעבן די טעג, וואָכן, חדשים פון לאַגע־עקזיסטענץ. דו האָסט געוואָלט פאַרשטיין דעם אַרום, דיינע מיטמענטשן, און האָסט געוואָלט קומען צו אַ טאָלק מיט דיינע געדאַנקען. קיינער פון אונדז האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט נישט באַנומען אָט דו פּלאַנעטע פון אוממענטש.

דו האָסט נישט געוואָלט, אַז דיינע ווערק זאָלן איבערגעזעצט ווערן אין דייטשלאַנד, אָבער. נאָך יאָרן פון אונטערהאַנדלונגען האָט דיין בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אויף דעם יונגן דייטשישן דור. דער נאָמען פון בוך איז "אויב נישט איצט - טאָ ווען" און דו שילדערסט דאָרט דעם אויפשטאַנד פון 19־טן אַפּריל 1943. געמאָסטענע ווערטער פון באַוווּנדערונג און ווייטיק. דאָס איז אַ מאָנומענט פאַר דעם פּוילישן און אייראָפּעישן יידנטום. דיינע באַשרייבונגען פון פּאַרטיזאַנער־לעבן אין איטאַליע, די איבערלעבונגען פון די אויסבאַהאַלטענע יידן, זיינען אַדורכגעפלאָכטן מיט דיינע אייגענע איבערלעבונגען און געדאַנקען פון דער צייט ווען דו ביסט געווען אַ פּאַרטיזאַנער. דאָס טרעפן זיך, פּנים אל פּנים מיט דעם פּוילישן ייד און יידן פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער איז געווען פאַר דיר אַן אַנטפּלעקונג.

דו פֿאַרנעמסט זיך אַ סך אין דיינע ביכער מיט דעם איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם. אויף די פּאַרטיזאַנער־וועגן האָבן זיך דיינע העלדן - פּאַרטיזאַנער - אָנגעטראָפֿן מיט דעם אָ פֿאַראַזיט, און דו פּרובירסט אין דיינע נאָכטראַכטונגען זען צי איז דאָס אַ היסטאָרישער שטריך ביי פֿעלקער? ס'איז נישט קיין נייע פֿראַגע - ס'איז נאָר נישט קיין פֿאַרענטפֿערטע, און דעם ענטפֿער איז שווער צו געפֿינען.

דיינע באַשרייבונגען פֿון דעם איטאַליענישן זאַמלפּונקט פֿאַר יידן אַרויסגעשיקט צו ווערן זיינען מאַקאַברישע, אָבער, דער אופֿן פֿון שילדערן איז אָן מאַקאַברישקייט, אָן דראַמע, אָן היסטעריע, מען פֿילט, אַז דו האָסט בלויז פֿעסטגעשטעלט אַ פֿאַקט - דו ווילסט גאָרנישט צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען. אַט דאָס איז עס, אַזוי האָט עס אויסגעזען אַזאַ אויסדרוק פֿון פּנים, געשריי, באַוועגונג, אויפֿפֿירונג פֿון מענטש. אַזוי האָבן מענטשן געהאַנדלט, אַזוי האָבן מענטשן זיך אויפֿגעפֿירט. האָסט געמאַכט דיינע באַמערקונגען אויף אַזאַ אופֿן, ווי מען מאַכט אַ וויסנשאַפֿטלעכן אַנאַליז - און די גענויקייט האָט נישט געדאַרפֿט האָבן קיין שום קאָמענטאַרן. דייטשישע פּרעציזקייט און דאָס אויספֿירן באַפֿעלן, רעדן פֿאַר זיך אַליין.

דו באַשרייבסט די בעסטיאַלישע באַמיונגען פֿון די ס.ס־לייט צו רעדוצירן דעם מענטש צו אַ בעסטיע, און די איבערמענטשלעכע אָנשטענגונג פֿון די לאַגער־יידן איינצוהאַלטן אַ פֿונק פֿון מענטשלעכער ווירדע. דו אַנאַליזירסט דעם כּוח פֿון צופּאַסן זיך צו באַדינגונגען און קומסט צום אויסמיר, אַז אין אונדז שטעקט אַ מין קראַפֿט, אַ מעכאַניזם פֿון "וועלן איבערלעבן", אַ היסטאָרישער מעכאַניזם!

ווי רירנדיק איז דיין דערמאָנונג וועגן דעם יונגן בחור שלמה פֿון פּוילן, וועלכער האָט דיך דער ערשטער "באַגריסט" - אויב מען קען אַזוי זאָגן - אויפֿן שוועל פֿון טויטן־הויז. ער האָט דיך אַרומגענומען, דאָס פּוילישע ייִנגל, דיך, דעם איטאַליענישן ייד - און דעם וואַרעמען אַרומנעם, זאָגסטו, אין איינער פֿון דיינע דערציילונגען, "טראָג איך מיט זיך שוין מיין גאַנץ לעבן".

איינע פֿון דיינע באַמיונגען איז געווען - אָפּוואַרפֿן די טעאָריע, אַז אין יעדן פֿון אונדז שטעקט אַ מערדערישער שטריך. דו זאָגסט: "איך בין געווען אַ קרבן - און כ'וויל נישט, מען זאָל מיר זאָגן, אַז איך האָב די זעלבע פּאָטענצן".

האָסט געוואָלט איבערלאָזן פֿאַר די ווייטערדיקע דורות דאָס גענויע בילד. אין צווישנצייט שרייבסטו אָן אַ ביכל פּאָעזיע. אויך דאָרט זיינען דאָ דערמאָנונגען פֿון פֿאַרגאַנגענעם לעבן (ווי קען עס זיין אַנדערש?). אָבער עס רייסט זיך אַדורך אַ שטראַל פֿון אָפּטימיזם, און אַ ביסל אַ לייכטערער טאָן.

דו דערמאָנסט אין אַ געוויסן שמועס מיט זשורנאַליסטן דיין "לאַגער־מיטבירגער" האַנס מייער - אַ באַרימטן יידיש־עסטייכישן פֿילאָסאָף, וועלכער האָט געזאָגט: "איינער וואָס איז אַדורכגעגאַנגען פּייניקונגען אין לעבן, וועט פֿאַרבלייבן אַ פֿאַרפּייניקטער זיין גאַנץ לעבן". יאָ, עס איז אַ ריכטיקע טעזע, וועלכע וועט קומען צום אויסדרוק אין דיין לעצטן ווערק, אין דיין לעצטן טאַט. און דאָ קומען מיר צו דיין לעצטן בוך, וואָס איז ווי אַ לעצטער רוף פֿאַר דיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט. דער נאָמען פֿון בוך איז "די דערטרונקענע און די געראַטעוועטע". דאָס בוך איז אַרויס אין יאָר 1986, עטלעכע חדשים פֿאַר דיין טויט. עס איז ווידער אַ בוך פֿון טיפֿע מעדיטאַציעס, אַריינטראַכטונגען אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. ביסט ווידער צוריקגעקומען, כאָטש דו ביסט קיין מאָל נישט אַוועקגעגאַנגען - צו דער "פּלאַנעטע אוישוויץ".

דאָס בוך זוכט ענטפֿערס. אויב אין די פֿריערדיקע ביכער איז דיין אויג געווען אַזוי

קלאָר - יעדע געשעעניש, יעדער טיפּאַזש קלאָר געמאָלן - איז דאָס לעצטע בוך דיינס פּאַרצויגן מיט אַ דינעם שלייער. איז עס דער שלייער פון צייט, וועלכער שרעקט דיך, פונקט ווי אונדז אַלע? דו פילסט נישט מער די פיזישע פּיין - און דאָס טוט נאָך מער וויי, אָדער אפשר גאָר האָסטו אָנגעהויבן צו זען שאַרפער די פּערפידיע פון אונדזער וועלט? ביסטו פּרימאָ - דער באַפרייטער מענטש, נאָך אַלץ געבליבן אַ לאַגער־אסיר אין דער באַפרייטער וועלט? דו מעדיטירסט אין דיין בוך וועגן גורלדיקייט, מאָראַלישקייט, וועגן דעם שוידערלעכן גורל פון יידישן פאָלק און דו זאָגסט זיך אַרויס אין אַ געוויסן מאָמענט: "דאָס קאַטוילישע פּוילן, איר קולטור, שפּראַך, לאַנד, עקזיסטירט ווידער בעת פון דער צווייטער זייט - איז די אייראָפּעיִשע יידישע ציוויליזאַציע, שפּראַך, אינסטיטוציעס נוסח, אָפּגעמעקט געוואָרן, און דאָס איז, וואָס אוישוויץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט".

דיין לעצטער באַשולדיקונג־אויסגעשריי איז געקומען פּערציק יאָר נאָך אונדזער באַפרייונג - ער איז געווען שטאַרק ווייטאָקדיק. האָסט דאָס לעצטע בוך געשריבן אין איטאַליעניש פאַר דיינע מיטבירגער, פאַר די קינדער און קינדס־קינדער. דאָס בוך איז, ווי אַ הייסע לאַווע אויסגעבראָכן אין דעם פילאָסאָפירנדיקן שרייבער. ער איז געקומען צו דעם אַלטן באַשלוס - די "וועלט לערנט גאָרנישט" - דאָס איז דיין לעצטער ביטערער אויסגעשריי.

כ'ווייס נישט, וועלכע דיינע לעצטע געדאַנקען זיינען געווען, מיין טייערער מיטברודער. האָסט אָנגענומען דיין לעצטן באַשלוס - אָן אייגענעם, צו פאַרענדיקן דיין לעבן. האָסט אפשר געוואָלט געבן דער אַרומיקער וועלט דעם לעצטן פּאַטש אין פּנים! האָסט עס נישט געטאָן אין לאַגער, האָסט עס נישט געטאָן גלייך נאָך דער באַפרייונג - עס האָט געדויערט ביי דיר ביז דער צאָרן איז אַרויס פון די ברעגעס - און פון דעם זאַכלעכן און פּינקטלעכן פּרימאָ לעווי, איז געוואָרן דער מענטש פון געפילן און שוואַכקייטן!

ברודער מיינער, כ'וויל נישט אונטערציען קיין סך־הכל. ביסט געווען דער זעקסטער קרבן פון אַליין פאַרענדיקן דאָס לעבן מצד יידישע אינטעלעקטואַלן. מיר בלייבן שטיין ביי נישט פאַרענטפערטע געדאַנקען און פראַגן וועלכע מאַטערן. און כ'וויל זיך היינט מיט דיר געזעגענען, ווייל עס האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט צו רעדן וועגן דיר! ווי קען איך? האָב איך פּרובירט - און אַזוי אַרום זיינען מיר געגאַנגען אויף אונדזער לאַנגן שפּאַציר אַרום דער "פּלאַנעטע אוישוויץ", דו, דער באַרימטער שרייבער, און איך אַ לאַגער־שוועסטער. האָסט אין אַלע דיינע ביכער געזוכט און געפונען פּונקטן פון מענטשלעכקייט אין דער שוואַרצער נאַכט, האָסט נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. און צום סוף - ביסטו דערטרונקען געוואָרן - דו, דער גערעכטעוועטער, דו, דער עדות פון צוואַנציקסן יאָרהונדערט - פון דער "פּלאַנעטע אוישוויץ"!

איך וויל נישט פרעגן "פאַרוואָס", איך טאָר נישט פרעגן! דער "פאַרוואָס" דאַרף זיין דער גרעסטער באַשולדיקונג־אַקט. מיר האָבן דיך פאַרלאָרן און דער פאַרלוסט טוט וויי! מיר, דיינע "מיטבירגער", מיר, דיינע לייענער דערמאָנען דיך, מיר "שווימען" און דו ביסט "דערטרונגען געוואָרן". איז די גרויסע רעטעניש פאַר דיר קלאָר געוואָרן אין די לעצטע מינוטן פון דיין ערדיש לעבן? "אַדיע" מיין לאַגער־ברודער - פּרימאָ לעווי.

פרימאָ לעווי

# צוליב אַ גלאָז וואַסער*)

...אין אויגוסט 1944 איז געווען זייער הייס אין אוישוויץ. אַ הייסער טראָפּישער ווינט האָט אָנגעיאָגט וואָלקנס שטויב פון די בנינים, באַשעדיקטע דורך די לופט־אָנפֿליען, פֿאַרטריקנט דעם שווייס אויף אונדזער הויט און געמאַכט דיקער דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן. מיין גרופּע איז געשיקט געוואָרן צום אויסריייניקן דעם אַראָפּגעפאַלענעם גיפּס אין די קעלערן און מיר האָבן אַלע געליטן פון דורשט: אַ נייע פּיין, וואָס האָט דערגאַנצט, פֿאַרפילפאַכט די אַלטע ליידן פון הונגער. נישט אינעם לאַגער און אָפט מאָל נישט אויפן אַרבעט־פּלאַץ איז געווען טרינק־וואַסער. אין יענע טעג איז אַפילו נישט געווען קיין וואַסער ביי דער קאָריטע צום וואַשן זיך; וואַסער וואָס וואָלט געטויגט צום טרינקען, אָבער איז געווען גענוג גוט זיך אָפּצופרישן און אָפּריייניקן פון שטויב. געוויינטלעך איז די אָוונט־זופּ און די ערזאַץ־קאַווע, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַרום צען אַ זייגער, געווען גענוג צו שטילן אונדזער דורשט, אָבער איצט איז עס שוין נישט געווען גענוג, און דער דורשט האָט אונדז געמאַטערט. דורשט איז אַ סך ערגער פון הונגער. הונגער מאַכט די נערוון אונטערטעניק, ער קאָן צייטווייליק באַהערשט ווערן פון אַ געפיל, אַ ווייטיק, אַ שרעק (מיר האָבן דאָס באַנומען בעת אונדזער באַן־רייזע פון איטאַליע); אָבער נישט אַזוי איז מיט דורשט, וואָס לאָזט נישט צו רו אויף קיין רגע. הונגער מאַטערט אויס, דורשט מאַכט ווילד, אין יענע טעג האָט עס אונדז באַגלייט טאָג און נאַכט. ביי טאָג, אויפן אַרבעט־פּלאַץ, וועמענס אָרדענונג (אונדזער שונא, אָבער דאָך אָרדענונג, אַן אָרט פון לאָגיק און זיכערקייט) איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאַאָס פון קאָנסטרוקציע־שפּליטערט; ביי נאַכט, אינעם באַראַק אָן ווענטילאַציע, ווען מיר האָבן איינגעזאַפּט די לופט, וואָס איז געעטעמט געוואָרן הונדערט מאָל פריער.

דאָס ווינקל אינעם קעלער, וואָס דער קאַפּאָ האָט מיר צוגעטיילט, און וווּ איך האָב געדאַרפט באַזייטיקן די ברוכשטיקער, איז געווען בשכנות פון אַ גרויסן צימער, אָנגעפילט מיט כעמישע אַפּאַראַטור וואָס האָט דאָרט געזאָלט אינסטאַלירט ווערן, אָבער איז שוין געווען באַשעדיקט פון די באָמבעס. פאַזע דער לאַנגער וואַנט האָט זיך געצויגן אַ צוויי־אינטשיקע רער וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זאַסטאַווע הארט איבערן דיל. איז עס אַ וואַסער־רער? איך האָב ריזיקירט און געפּרוווט זי עפענען. איך בין געווען אַליין. קיינער האָט מיך נישט געזען. ס'איז געווען בלאָקירט, אָבער ניצנדיק אַ שטיין פאַר אַ האַמער האָב איך באַוויזן זי איבעררוקן אַ פּאָר מילימעטער. עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע טראָפּנס, זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום ריח. איך האָב זיי אויפגעכאַפּט מיט מיינע פינגער: ס'האָט ווירקלעך אויסגעזען צו זיין וואַסער. איך האָב נישט געהאַט קיין שום כלי און די טראָפּנס זענען געקומען פּאַמעליע, אָן שום דרוק. די רער איז אוודאי געווען האַלב־פול, אפשר ווייניקער. איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפן דיל מיט מיין מויל געווענדט צו דער זאַסטאַווע, נישט פּרוּווּנדיק צו עפענען זי ברייטער. עס איז געווען וואַסער, אַ ביסל אָנגעוואַרעמט פון דער זון, אָן אַ טעם, אפשר געריייניקט, אָדער קאָנדענסירט, ווי עס זאָל נישט זיין איז עס געווען אַ דערפרישונג.

וויפל וואַסער קאָן אַריינעמען אַ צוויי־אינטשיקע רער וואָס איז צוויי אָדער דריי

*) פראַגמענט פונעם בוך "די דערטרונקענע און די געראַטעוועטע".

מעטער הויך? אפשר אַ ליטער אָדער נאָך ווייניקער. איך האָב עס געקאָנט תיכף אויסטרינקען און דאָס וואָלט געווען די זיכערסטע זאַך. אָדער אָפּשפּאָרן אַ ביסל אויף מאָרגן. אָדער טיילן אַ העלפט פון דעם מיט אַלבערטאָן. אָדער אויפדעקן דעם סוד פאַר דער גאַנצער גרופּע. איך האָב אויסגעוויילט דעם דריטן וועג, דעם וועג פון אייגנליבע געטיילט מיט דער נאָענטסטער פּערזאָן: דעם וועג וועלכן מיינס אַ פריינד האָט אין אַ צייט אַרום באַצייכנט ווי אונדז־איזם. מיר האָבן אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע וואַסער מיט קליינע שלוקס, בייטנדיק אונדזער אָרט אונטער דער עפענונג, בלויז מיר ביידע. באַהאַלטענערהייט. אָבער בעתן מאַרש צוריק צום לאַגער איז געווען ביי מיין זייט דאַניעל, אין גאַנצן גרוי, באַדעקט מיט צעמענט־שטויב, די ליפּן צעשפּאָלטן, און פיבער אין די אויגן. איך האָב זיך געפילט שולדיק. איך האָב אויסגעטוישט אַ בליק מיט אַלבערטאָן, מיר האָבן זיך גלייך פאַרשטאַנען און געהאָפט, אַז קיינער האָט אונדז נישט געזען. אָבער דאַניעל האָט געכאַפּט אַ בליק אויף אונדז אין דער נישט געוויינלעכער פּאָזיציע, ליגנדיק נאַזנדיק לעבן דער וואַנט צווישן ברוכשטיקער, און איז עפּעס חושד געווען, און לסוף זיך משער געווען. ער האָט עס מיר געזאָגט אין חדשים אַרום אין ווייסרוסלאַנד, נאָך דער באַפרייונג: פאַרוואָס בלויז איר ביידע און איך נישט? ס'איז ווידער אַרויפגעשוווּמען אויף דער אויבערפלאַך דער "ציווילער" מאָראַל־קאָדעקס. דער זעלבער לויט וועלכן איך, דער פרייער מענטש פון היינט, נעם אויף ווי שרעקלעך דעם טויט־אורטייל אויף דעם סאַדיסטישן קאַפּאָ, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעטראָגן און אויסגעפירט אָן אַפּעלאַציע, שטילערהייט מיט איין מעסער־שניט.

איז אָט די פאַרשפּעטיקטע חרפּה באַרעכטיקט, אָדער נישט? איך בין נישט אין שטאַנד געווען צו דעצידירן דעמאָלט און קאָן נישט דעצידירן אַפילו איצט, אָבער די חרפּה איז געווען און איז דאָ, אַ קאָנקרעטע, אַ שווערע און דויערנדיקע. דאַניעל לעבט שוין נישט איצטער, אָבער אין אונדזערע פריינדלעכע צוזאַמענקומען פון דער שארית־הפּליטה העגנט צווישן אונדז, ווי אַ דינער פאָרהאַנג, יענער אַקט פון פאַרמיידונג, דאָס נישט געטיילטע גלאָז וואַסער, ער איז אָנזעעוודיק, הגם נישט אויסגעדריקט, באַמערקפול און "קאָסטפול".

בייטן דעם מאָראַל־קאָדעקס איז אַלע מאָל קאָסטפול: יעדער הערעטיקער, בוגד און דיסידענט ווייסט וועגן דעם. מיר קאָנען נישט משפטן אונדזער אויפפירונג, אָדער די אויפפירונג פון עמעצן אַנדערש אין יענער צייט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך יענעם קאָדעקס, אויפן סמך פון היינטיקן קאָדעקס, אָבער דער כעס וואָס באַהערשט אונדז ווען עמעץ פון די "אַנדערע" נעמט זיך דאָס רעכט צו באַטראַכטן אונדז ווי "בוגדים", אָדער געגנויער, ווי בעלי־תשובה, זעט מיר אויס צו זיין באַרעכטיקט.

צי פילט איר אַ חרפּה ווייל איר לעבט אויפן אָרט פון אַן אַנדערן? און באַזונדערס אויפן אָרט פון אַ מענטש, וועלכער איז מער ברייטהאַרציק, מער סענסיטיוו, מער ניצלעך, קליגער, ווערטפולער צום לעבן בלייבן, ווי איר? איר קאָנט נישט בלאָקירן אַזעלכע געפילן: איר עקזאַמינירט זיך אַליין, איר קאָנטראָלירט אייערע זיכרונות האָפנדיק גאָרנישט צו פאַרלירן, און אַז קיין שום איז נישט מאַסקירט אָדער פאַרשטעלט. ניין, איר געפינט נישט קיין איבערשטרייטונג, איר האָט נישט פאַרנומען קיינעמס אָרט, איר האָט קיינעם נישט געשלאָגן (צי האָט איר בכלל געהאַט כוח דאָס צו טאָן?), איר האָט נישט אַקצעפּטירט קיין פּאָזיציע (אגב, קיין שום איז אייך נישט פאָרגעלייגט געוואָרן...), איר האָט נישט גענגבעט קיינעמס ברויט; פון דעסטוועגן קאָנט איר דאָס נישט אויסשליסן. עס איז נישט מער ווי אַ השערה, אייגנטלעך בלויז אַ שאָטן פון אַ

חשד; אַז יעדער מענטש איז זיין ברודערס קין, אַז יעדער איינער פון אונדז (דאָס מאָל זאָג איך "אונדז" אין אַ פיל ברייטערן, פּאַקטיש אוניווערסאַלן זין) האָט פּאַרנומען זיין שכנס פּלאַץ און לעבט אָנשטאָט אים. עס איז אַ השערה אָבער עס פּייניקט אונדז, עס האָט זיך איינגעזויגן טיף ווי אַ האָלצוואָרם, אַ נישט געזעענער פון אויסן, אָבער פּייניקט און ווונדיקט.

נאָך מיין צוריקקער פון געפאַנגעניש האָט מיך באַזוכט אַ פריינד, אַן עלטערער פון מיר, אַ מילדער און עקשנותדיקער, פאַרגלייבט אין אַ פּערזענלעכער רעליגיע, וואָס האָט מיר אַלע מאָל אויסגעזען צו זיין שטרענג און ערנסט. ער איז געווען צופרידן צו זען מיך אַ לעבעדיקן און, אין גרונט גענומען, נישט באַשעדיקט, אפשר רייפער און שטאַרקער, און אוודאי באַרייכערט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וואָס איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער קאָן נישט זיין דער רעזולטאַט פון אַ צופאַל, פון דער קולמינאַציע פון נסים (ווי איך האָב עס דעמאָלט און אויך היינט באַטראַכט), נאָר גיכער פון דער באַשערטקייט. איך טראָג דעם גוטן צייכן, איך בין דעמאָלט געוואָרן אויסדערוויילט: איך, דער נישט־גלייביקער, און נאָך מער נישט־גלייביקער נאָך דעם סעזאָן פון אוישוויץ, בין געווען אַ פּערזאָן וואָס געניסט פון חסד, באַשטימט צום לעבן. און פאַרוואָס איך? עס איז נישט מעגלעך צו וויסן, האָט ער געענטפערט. אפשר דערפאַר ווייל איך האָב געדאַרפט שרייבן, און שרייבנדיק זיין אַן עדות. צי האָב איך נישט טאַקע דעמאָלט, אין 1946, געשריבן אַ בוך וועגן מיין געפאַנגענשאַפט?

אַזאַ מיינונג האָט מיר אויסגעזען צו זיין שרעקלעך. עס האָט מיר ווי געטאָן גלייך עמעץ וואָלט באַרירט אַן אָפענעם נערוו, עס האָט געצונדן די ספקות וועגן וועלכע איך האָב פריער גערעדט: קאָן זיין, אַז איך לעב אויפן אָרט פון אַ צווייטן; איך האָב אפשר אוזורפּירט, דאָס מיינט, פאַקטיש, דערהערגעט, די "געראַטעוועטע" פון לאַגער זענען נישט געווען די בעסטע, די וואָס טוען שטענדיק גוטס, וואָס טראָגן אַן אָנזאָג: דאָס וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט באַווייזט פּונקט דאָס פאַרקערטע. ווי אַ כלל האָבן איבערגעלעבט די ערגעסטע, די עגאָיסטן, די שלעגערס, די נישט סענסיטיווע, די קאָלאַבאָראַנטן פון דער "גרויער זאָנע", די שפּיאָנען. עס איז נישט געווען קיין באַשטימטער כלל (עס זענען נישט געווען אַזעלכע), און ס'זענען נישטאָ קיין באַשטימטע כללים וואָס שייך מענטשלעכע האַנדלונגען), אָבער עס איז פון דעסטוועגן געווען אַ כלל. יאָ, איך האָב זיך געפילט אומשולדיק, אָבער געווען בין איך צווישן די געראַטעוועטע, און דערפאַר האָב איך אָן אויפהער געזוכט אַ באַרעכטיקונג אין מיינע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון אַנדערע, די ערגסטע האָבן איבערגעלעבט, דאָס מיינט יענע, וואָס האָבן זיך געקאָנט צופּאַסן, אַלע בעסטע זענען אומגעקומען.

חיים איז געשטאָרבן, אַ זייגערמאַכער פון קראָקע, אַ פרומער ייד, וועלכער האָט, נישט געקוקט אויף די שפּראַך־שוועריקייטן, זיך באַמיט מיך צו פאַרשטיין און ווערן פאַרשטאַנען, און אויפגעקלערט מיר, דעם אויסלענדער, די גרונט־כללים צום איבערקומען די ערשטע דעצידירנדיקע טעג פון געפאַנגענשאַפט; שאַבאָ איז געשטאָרבן, דער שווייגנדיקער אונגאַרישער פּויער, וועלכער איז געווען קנאַפּע צוויי מעטער הויך און דערפאַר דער סאַמע הונגעריקסטער פון אַלע, און דאָך, ווי לאַנג ער האָט געהאַט כוח האָט ער זיך נישט געוואַקלט צו העלפן די שוואַכערע פון אים צו שלעפּן און שטופּן; און ראָבערט, אַ פּראָפעסאָר פון דער סאָרבאָן, וועלכער האָט פאַרשפּרייט מוט און צוטרוי אַרום זיך, גערעדט פינף לשונות, האָט אויסגעשעפּט זיינע כוחות, פאַרנאָטירנדיק אַלץ אין זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון, און וואָלט ער געלעבט, וואָלט ער ←

מנחם שטערן

## מיינע פיר שפּראַכן

מיינע פיר שפּראַכן וואָס כ׳האָב אָנגעקליבן
אין אַלע עקן וועלט
שווימען אַרום אויף די מידע כוואַליעס פון מיין זכרון
ווו זיי לעבן באַנאַנד אין שטילן קריג...
נאָר אין געהויבענע רגעס פון פּאָעטישן חלום
פאַרענדיקן זיי דעם געצווונגענעם שלום
און איילן צום געזאַנג פון נייעם ליד
ווי די צווייגן און בלעטער פון שטאָטישן בוים
צו דער זון וואָס שיינט הויך איבערן צוים.
״מיין שירה!״ שרייט פויליש מיט אַ קרומע מיינע.
״מיין מעטאַפאָר!״ זינגט שטאָלץ העברעיש.
ענגליש רעדט עקשנותדיק און קיל: ״מיין גראַם״
נאָר הערן הער איך יידיש - דעם שטאַם!

## אין שפּעטע שעהן

אין שפּעטע, קאַלטע שעהן פון דער נאַכט
וואַרעם איך די האַלב־געפרוירענע חושים
איבער אַ דין פלעמעל מוזיק
וואָס צאַנקט גאָלדיק און בלוי.
אויף דעכער לעשן זיך נעאָנען.
ניו־יאָרקס רעש שטאַרבט אָפּ
ווי אַ ווייטער, פאַרלאָפענער טייך.
אַ געזעמל אַלטע, מידע מויערן
קוקט נייגעריק אין מיין פענסטער
מיט פאַרגאַפטע שויבן־אויגן. ◄—

---

פאַרענטפערט די פראַגעס אויף וועלכע איך האָב נישט קיין ענטפער. און ברוך איז געשטאָרבן, אַ פאַרט־אַרבעטער פון ליוואָרנאָ, תיכף, דעם ערשטן טאָג, ווייל ער האָט געענטפערט מיט קלעפּ, אויפן ערשטן קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען, און איז דערהרגעט געוואָרן דורך דריי קאַפּאָס. זיי אַלע, און גאָר אַ סך אַנדערע זענען אומגעקומען נישט ווייל עס האָט זיי געפעלט דרייסטקייט, נאָר צוליב איר.

מיין רעליגיעזער פריינד האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין לעבן געבליבן כדי איך זאָל זיין אַן עדות. איך האָב עס געטאָן, צום בעסטן ווי כ׳האָב געקאָנט, און כ׳האָב אויך געקאָנט עס נישט טאָן; און איך טו עס כסדר ווען נאָר איך האָב אַ געלעגנהייט; אָבער דער געדאַנק, אַז מיין עדות זאָגן קאָן מיר געבן די פּריווילעגיע צו עקזיסטירן און לעבן נאָך אַ סך יאָרן אָן ערנסטע פּראָבלעמען, מאַטערט מיך, ווייל איך קאָן נישט זען קיין שום פאַרבינדונג צווישן פּריווילעגיע און רעזולטאַט.

איבערגעזעצט פון ענגליש: מ.ש

אין ווינטיקן געמיש פון וואָלקנדלעך ווי צווייגן
זיצט אַ בלאַסע, פאַרצערטע לבנה
און וואַכט איבערן איינגעשלאָפענעם געשריי
פון אַ שכנס קראַנק קינד.
און איך וואַרעם די חושים
איבערן דינעם פלעמל מוזיק
וואָס אונטערן לאַסט פון דזשאַזיקן טראָמפּייט
גיט עס ווי צום פאַלן אַ נויג
נאָר ס'טראָגט זיך באַלד אַרויפצו געלייטערט
און צאַנקט אויפסניי גאָלדיק און בלוי.

## אין אַ קליינעם

אין אַ קליינעם קוימען־שטיבל
מיט אַ פענסטערל צום הימל,
ווינט גרויע מאַמע־רויך
מיט פונקען - קינדערלעך אַ סך.

זאָגט גרויע מאַמע רויך:
איר זייט גאָלדענע פונקען
פון בעקערס אויוון־פלאַם,
אַלע קוימענס פון שטאָט
באַוואונדערן חשובן שטאַם.

נישט שוועבט צו הויך,
נישט יאָגט זיך נאָכן ווינט,
טוליעט זיך צו טאַטע־פלאַם,
האַלט זיך נעבן מאַמע־רויך...

אַזוי רעדט מאַמע־רויך
אין ענגער קוימען־ראַם.
איבער פענסטערל דער ווינט
קעמט וואָלקנדל מיט אַ קאַם...

## אַ דיכטער־מאָנומענט

אינדערמיט גרויע מויערן פון שטאָט
ווי געפאַנגען דורך בעטאָניקע ריזן־הענט.
אויף אויסגעטראָטענעם קרייז גראָז
שטייט אַ דיכטערס פאַרגעסענער מאָנומענט.

דער ניו־יאָרקער המון רעוועט אין איילט -
אַ ווילדער אָנלויף פון יעדן לשון און לאַנד
פאַרביי מאָנומענט'ס קרישלענדיקן ראַנד...
נאָר דער דיכטער שטייט מיט קאָפּ נישט געבויגן
און ווי אַ מאָל פאַרצייכנט ער וואָרט נאָך וואָרט.
אַרום אים ווי בלוט־גאָס פון קראַנקער לונג
האַרבסטיק־רויטע בלעטער ליגן אין אַ רינג...

דער דיכטער שטייט פאַרטראַכט,
נאָר באַלד שיקט ער איילִיקן המון קריטישן בלוק.
און ווי אַ מאָל אַ הוסט אין דער נאַכט
בעתן שרייבן פון ליריש־חצותיקן ליד,
אַזוי פאַלט איצט פון מאָנומענט
אַ גרוי שטיק צעמענט...

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# אין דאָרף דאַלמיאַטשין.

## דערציילונג

דאַלמיאַטשין איז ניט געווען אַזאַ מין דאָרף, ווו מען קאָן זען אַ סטאַדע קי זיך פּאַשען אויף אַ גרין פעלד, אָדער אַ פּויער, וואָס פּאַראַקערט די ערד ווי ער האָט עס באַמיסטיקט... אַפילו די כאַטעס, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, צווישן אָפּגעזעגטעביימער־שטאַמען - האָבן ווייניק וואָס דערמאָנט אין דאָרפישער געמיטלעכקייט. עס האָט געפעלט דער צוים אַרום די הייזער: די מילך־קרוגן, די לאַדישן, וועלכע טריקענען זיך אויפן פּאַרקאַן. כאָטש עטלעכע ווייבער האָבן זיך געפּאָרעט אינדרויסן, און הינט האָבן געבילט - האָט זיך אָבער באַמערקט, אַז עס פעלט דאָ אײנגעזעסנקייט. און דאָך האָט מען עס גערופן: דאָס דאָרף דאַלמיאַטשין.

די הייזער - געבויט פון גראָבע קלעצער, זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון צוואַקסענעם, אוראַלער וואַלד. אַ געדיכט־געפלאָכטענער פּאַרקאַן פון שטעכל־דראָט האָט אַרומגערינגלט עטלעכע לאַנגע געביידעס, וועלכע די באַוווינער פון די פּויערישע כאַטעס האָבן אָנגערופן: באַראַקן.

דאַלמיאַטשין איז געווען פאַרשריבן אין די ביכער - ווו מען האָט געפירט רעכענונג וועגן אָט די זאַכן - ווי אַ דאָרף פון "ספּעצפּערעסילענצעס" - איבערוואַנדערער, וועלכע מען האָט אַהער געבראַכט ניט מיט זייער פרייען ווילן, נאָר ווייל מען האָט זיי דאָ געדאַרפט האָבן. די מענטשן זענען געווען אַ טייל פון מלוכה־פּלאַן פון האָלץ־פּאַרגרייטונג. און די אינדוסטריע האָט זיך אין דעם האָלץ טאַקע גענייטיקט. און אַ חוץ די מענטשן וואָס האָלטן חשבון אין די צושטעלונגען, די פּלאַנירער און די איינוווינער פון דאָרף, האָט קיינער ניט געוווסט, אַז אַזאַ דאָרף ווי דאַלמיאַטשין געפינט זיך גאָר אויף דער וועלט.

* * *

דאָס ערשטע מאָל האָט אייזיק מאַנעטאַ דערהערט דעם נאָמען אין אַ פּראָסטיקן. סוף האַרבסטיקן פרימאָרגן. דער עשעלאָן, וואָס האָט זיך שוין אַ וואָכן פינף געשלעפּט איבער די אָן־סופיקע אייזנבן־וועגן פון רוסלאַנד, איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן אין אַ וואַלד. די טירן פון די משא־וואַגאָנען האָבן זיך מיט אַ גרילץ צעעפנט, און אַ הייזעריקע, סאָלדאַטישע שטים האָט אויסגעשריען:

מיר זענען אָנגעקומען. אַלע אַרויסקריכן. ס'איז דאַלמיאַטשין.

נאָר ביז אייזיק האָט דערזען די באַראַקן און די נאַרעס פון דאַלמיאַטשין, האָט ער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט אַנדערע פאַרשיקטע פּוילישע יידן, געמוזט מאַרשירן אַ וואָסערע צען מייל דורכן מאָכיקן. צעצווייגטן וואַלד.

נאָכער האָט אַ פּויער אין אַ ווינטערדיקער קוטשמע, מיט אַ רויטן שטען אינמיטן, און פאַרוויקלט אין אַ שעפּסענעם פעלצל, זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט ווי דער באַלעבאָס פון דאָרף, און דערביי געלאָזט וויסן: - דאָ, קינדערלעך וועט איר לעבן, און קיין אַרבעט וועט ניט פעלן.

- ער, הייסט עס, ביעלאָוסאָוו, איז דער באַלעבאָס, און ער וועט שוין אַכטונג געבן, אַז אַלע זאָלן זיין נוצלעך, און ניט עסן אומזיסט קיין מלוכיש ברויט. דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויפן וואַלד און צוגעגעבן:

– דאָס, קינדערלעך, איז אַלץ אייערס...

אייזיק מאַנעטאַ האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט אָנצונעמען, אַז אָט דער וואַלד זאָל זיין זיינס. אַ בחור אַ געוויקסיקער, און אַ פּאָר הענט פאַרמאָגט ער, אַז אין זיינע הענט דאַרף אַ האַק און אַ זעג זיך פילן ביז גאָר היימיש – אַזוי האָט אָפּגעשאַצט זיינע הענט דער אַרבעטס-פאַרטיילער, און דערביי האָט ער טאַקע גענומען לערנען דעם שניידער מאַנעטאַ, ווי אַזוי מען לאָזט אַראָפּ אַ בוים; ווי מען שניידט אים איין, ער זאָל פאַלן ווו מען דאַרף און ניט סתם אין דער וועלט אַריין.

אין דאָלמיאַטשין האָט אָפילו אַ בוים ניט געקאָנט פאַלן לויטן אייגענעם ווילן.

פאַרטאָג, איידער די אַרבעטס-בריגאַדעס, פאַרהילטע אין אַלערליי בושלאַטן, זומערדיקע רעגן-מאַנטלען און אויסגעריבענע קאָלדרעס, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איינגעמען דעם וואַלד, האָט דער אַרבעטס-צעטיילער געציילט זיי, אויסרופנדיק יעדנס נאָמען.

מאַנעטאַ – האָט ער אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן הויכן בחור – דו שטעל זיך צו צום נאַטשאַלניק.

ווי אייזיקן איז ניט קאַלט געווען אין יענעם פרימאָרגן – איז אים נאָך קעלטער געוואָרן פון אָט דער פאַרבעטונג. אָבער פאָלגן מוז מען.

ער איז אַריין אין שטיבל פון נאַטשאַלניק, וואָס איז געווען אויף יענער זייט פון די דראָטן. אַ חוץ וואָס דאָס איז געווען דער קאַנטאָר פון לאַגער, האָט ביעלאָוסאָוו דאָרטן אויך געוווינט. עס האָט געברענט אַ רויט צעגליטער אייזערנער אויוון, און אין קאַנטאָר איז געווען הייס, ווי אין אַ שוויץ-באָד.

ביעלאָוסאָוו איז געזעסן ביים טיש און געבלעטערט פּאַפּירן.

– דו ביזט, הייסט עס, מאַנעטאַ, אַהאַ – האָט ער אַ זאָג געטאָן מער צו זיך, ווי צום בחור.

דער דאָזיקער "אַהאַ" איז אייזיקן גאָר ניט געווען צום האַרצן... – וואָס מיינט ער דאָ מיט דעם: אַהאַ?

– און וואָס פאַראַ ספּעציאַליסט ביזטו? – האָט ביעלאָוסאָוו אַ פרעג געטאָן, כאָטש אין די פּאַפּירן איז עס גענוי געווען פאַרשריבן.

אייזיק האָט די פראַגע שוין געהערט אפשר אַ מאָל הונדערט, און דערפאַר האָט ער גלייך געענטפערט: פּאָרטנוי, אַ שניידער.

זען, זעסטו אויס ווי אַ סטאַלאָוואַר[*] – טוט אַ מאַך ביעלאָוסאָוו, אָנקוקנדיק אייזיקן. אייזיקן איז אָט דאָס פרעמדע רוסישע וואָרט איבערהויפּט ניט געפעלן. עפּעס האָט עס אים פאַרשמעקט מיט עפּעס ערגערס ווי וואַלד, און ער האָט זיך גענומען אָפּדינגען: ניעט, פּאַרטנוי...

– שוין, שוין, מען ווייס שוין – האָט ביעלאָוסאָוו אַ שמייכל געטאָן.

– איז הייסט עס: אַ שניידער ביזטו – האָט זיך ביעלאָוסאָוו נאָך אַלץ, ווייזט אויס, ניט געקאָנט צוגלייבן. נו, און אַ קאָסטיומטשיק פאַר מיין פרוי וועסטו קאָנען אויפנייען?

– אַ פראַגע אַ ביסל – צעוואַרימט זיך אייזיק – פון קינדוויַיז אָן אַ שניידער – טוט ער אַ זאָג אַ וואָרט אויף פּויליש, אַ וואָרט רוסיש און דאָס רעשט אַ מאַך מיט די פינגער ווי מיט אַ שער, ווי ער וואָלט שוין צעשניטן אַ שטיק געוואַנט.

ביזטו טאַקע, הייסט עס, אַ שניידער? – קאָן זיך ביעלאָוסאָוו ניט אָפּוווּנדערן און

---

[*] אַ שטאָל-גיסער.

מיט פויערישער כיטרעקייט זוכט ער צו דערגיין דעם אמת. ער וויל דאָס טאַקע אויף קלאָר וויסן, איידער ער גיט איבער אין זיין רשות דאָס שטיק סחורה "באָסטאָן", וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי איינעם פון די פּאַרשיקטע.

-אוודאי...

ביעלאָוסאָוו האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַרייַנגעשריגן אין צווייטן חדר:

- היי נאַסטיע, קום נאָר אַריין. דער שניידער איז דאָ.

אין טיר האָט זיך באַוויזן אַ באַלייבטע פרוי מיט אַ צעוואַקסענעם בוזים און אַ גוטמוטיק פריינדלעך פּנים. קענטלעך - זי איז ניט געווען קיין אַלטע. און אַז מען וויל גוט, איז זי אַפילו ניט געווען קיין מיטליאָריקע.

דאָ האָסטו דעם שניידער - האָט ער אָנגעוויזן אויף מאַנעטאַן.

נאָך איידער אייזיק האָט זיך פאַרנומען אַראָפּנעמען אַ מאָס, האָט ער מיטן פאַכמענערישן אויג פריער אַראָפּגעכאַפּט די פיגור, און זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי עס וועט אויף איר ליגן אָט דער געפּלאַנטער קאָסטיום. אַז די פרוי איז אַוועק אַריינברענגען דעם שטאָף, האָט ביעלאָוסאָוו געוואָלט וויסן: - נו?

מען קאָן ניט מאַכן - האָט מאַנעטאַ אַנטוישט צעפּירט מיט די הענט. - אַ פרוי מוז עפּעס האָבן...

- נו, און נאַסטיע האָט ניט - איז שוין ביעלאָוסאָוו גלאַט טשעקאַווע געווען צו וויסן.

- ניין... ניט דאָס...

אייזיקן איז געווען שווער צו דערקלערן אויף רוסיש דעם שכל וואָס שטעקט אין דער פאַרבינדונג צווישן אַ קאָסטיום און אַ ווייבערישער פיגור. אַ פרוי מוז האָבן אַזאַ מין בגד וואָס זאָל דער פיגור געבן אַ סטאַבילע פאָרעם. יעדער טייל פון קערפּער זאָל זיך אָנזען באַזונדער.

- אַ ביוסט זאָל זיין אַ ביוסט און זאָל זיך האַלטן פון אויבן - האָט ער אַ ווייז געטאָן ביעלאָוסאָוון דאָס אָרט, גענוי - ווו דער ביוסט זאָל זיין. נאַכער קומט אַ טאַליע - אָט דאָ אָ - האָט ער דערלאַנגט אַ צעפּיר מיט די הענט אין דער לופטן. ווי ער וואָלט אַרומגענומען אַ פרויען-פיגור. און דערפאַר טאַקע, אַז אַ קאָסטיום זאָל ניט אויסזען ווי אַ סאָלדאַטסקער שינעל - מוז די פרוי טראָגן אויפן קערפּער אַזאַ מין זאַך, וועלכע ווייבער טראָגן געוויינטלעך איינצוהאַלטן די פאָרעם, און דאַן ערשט קאָן מען אָנפּאַסן דערויף אַ קאָסטיום.

און נאַסטיע האָט, אַ חוץ איר לייכט קליידל און אַ העמד פון היימיש געמאַכטן לייוונט, גאָרניט געהאַט אויף זיך.

ביעלאָוסאָוו האָט מיט פאַרחידושטע אויגן געקוקט אויף אייזיקן; געפּרווט אויפכאַפּן דעם מיין פון זיינע באַוועגונגען, וואָס זיינע פּוילישע ווערטער באַטייטן - און ניט פאַרשטאַנען. אייזיק האָט דערזען אַ שטיק קרייד און אַ טאָוול פון ברעטער, אויף וועלכע דער אַרבעטס-פאַרטיילער פאַרשרייבט די דערגרייכונגען פון די בריגאַדעס אין וואַלד. מיט אָט דעם שטיק קרייד האָט ער גענומען צייכענען אויפן טאָוול די פיגור פון אַ פרוי, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. דערנעבן האָט ער געצייכנט אַן אַנדער פיגור און די אַלע נייטיקע קליידער, וועלכע זאָלן דער פרוי געבן פאָרעם פון ווייבלעכקייט.

אייזיק האָט געצייכנט, געמאַכט מיט די הענט. געוויזן אויפן טאָוול און דאָ אויף זיך, ווי ער וואָלט געווען אַ פרוי. געוואָרפן מיט פּוילישע ווערטער, ביז ביעלאָוסאָוו האָט זיך ענדלעך אָנגעשטויסן אין וואָס עס גייט.

- זאַרגאַניטשני פּאַסאָן - האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָבער נתפּועל געוואָרן איז ער ניט.

- לאַדנאָ - מאַכט ער, וועסטו דאָס אויך אויפנייען.

- איך? - האָט זיך אייזיק פאַרוואונדערט - ווי קום איך צו נייען אָט די ווייבערישע זאַכן?

- ביזטו הייסט עס ניט קיין שניידער - האָט דער נאַטשאַלניק געפסקנט. (אַהאַ, פּאַרט געכאַפּט דעם שווינדל).

- וועסט ווייטער גיין אין וואַלד אַריין אַרבעטן... איך האָב אָבער באַלד געוווסט...

- איך... - האָט אייזיק געוואָלט עפּעס דערקלערן, אָבער ביעלאָוסאָוו האָט מער גאָרניט געוואָלט הערן:

- גיי אין באַראַק און טו אַ טראַכט, מאָרגן וועלן מיר זען.

אייזיק האָט דורכגעטראַכט אַלע שניידערישע פּאָרטלען, אָבער ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי אַזוי מען הייבט אָן צו נייען אַ ביוסטן־האַלטער.

- וואָלט כאָטש געווען ביי וועמען צו באָרגן און נאַכצוקוקן - זענען דאָ בלויז מענער אין די באַראַקן... און אָן אַ ביוסטן־האַלטער איז אוממעגלעך אָנצוטאָן אויף דער פּויערטע אַ קאָסטיום. עס וועט דאָך הענגען ווי אַ זאַק. קוקנדיק אויפן וואַלד איז אים נאָך אומעטיקער געוואָרן. - מ'וועט ווידער מוזן טאָפּטשען אין שניי. אין אָוונט זענען מענטשן אַהיים געקומען פון וואַלד, אָפּגעטרייסלט דעם שניי און זיך צעלייגט אויף די נאַרעס. עמעצער האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, מען זאָל זיך דערוואַרעמען און קאָנען אויסטריקענען די זאַכן. לייב זשיוויצער האָט זיך געשטעלט דאַוונען. מיטאַמאָל איז אייזיקן ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. ער האָט זיך דערפרייט, ווי אַן אוצר וואָלט זיך פּאַר אים אַנטפּלעקט.

- די יאַרמולקע - לייב זשיוויצערס יאַרמולקע...

קוים זיך דערוואַרט ר' לייב זאָל אָפּדאַוונען; זאָל אָפּעסן זיין ברויט מיט "קיפּיעטאָק". האָט אייזיק געגומען אויסגיסן פּאַר אים זיין ביטער האַרץ.

לייב זשיוויצער האָט זיך געמיאוסט: - זיין יאַרמולקע זאָל מען אָנמעסטן אויף דער ערלטעס...

- ווי איר פאַרשטייט ר' לייב, מיין לעבן איז אין אייערע הענט - האָט שוין אייזיק מיט טרערן אין די אויגן געבעטן.

* * *

אינדערפרי האָט אייזיק זיך צוגשטעלט צום נאַטשאַלניק, געוויזן די יאַרמולקע, און אַ זאָג געטאָן: - מען דאַרף אָנמעסטן.

דאָס האָט ביעלאָוסאָוון אויסגעזען פאַרשטענדלעך און ער האָט אַריינגעשריען אין צווייטן חדר: - נאַסטיע, דער שניידער איז דאָ!

אַליין איז ער אַוועק אינדרויסן אָפּצוטיילן דעם עולם וואָס גייט צו דער אַרבעט.

אין וואַרעמען צימער איז אַריין נאַסטיע. זי האָט שוין אפנים געוווסט דעם שניידערס שוועריקייטן. אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט זי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס'קלייד, דאָס לייוונטענע העמד און אַ האַלב נאַקעטע, אין אויסגעשטעפּטע וואַטע־הויזן, געבליבן שטיין פאַרן שניידער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי פירט מען זיך ביי די אויסלענדישע שניידערס, און זי האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין פון אָט די אָ פירעכצן.

די דרייסטקייט האָט מיטאַמאָל אייזיקן פאַרלאָזן. מיט דער יאַרמולקע אין האַנט האָט ער זי אָנגעקוקט. די ראָזלעכקייט פון ווייבערישן קערפּער האָט געאָטעמט צוציענדיקע

וואַרעמקייט. עס האָט אַ בלענד געטאָן פּאָר זיינע אויגן און די קני זענען מיטאַמאָל ווייך געוואָרן. אייזיק האָט פאַרגעסן דעם הונגער, וואָס בורטשעט אין די געדערים, די קעלט. אין אים האָט געגומען זידן און רוישן. זיינע אויגן האָבן געזען אַלץ, און דער געדאַנק האָט געאַרבעט שנעל... שנעל... די דאָזיקע זעונג און די געדאַנקען האָבן פאַרצויגן זיין בליק מיט אַ פייכטן גלאַנץ. עפּעס אין אים האָט זיך אויפגעוועקט. אָט ווי אַ פרילינג־שטראָם רייסט אויף דעם אייזיקן פאַנצער פון טייך. אין די שליפן האָט עס געהאַמערט און די צונג איז ווי צוגעטריקנט געוואָרן צום גומען. אַ פאַרגליווערטער איז ער געשטאַנען, און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט געאָטעמט שווער. געדיכט - ווי ער וואָלט געקלעטערט באַרג־אַרויף.

– נו, יונגער מענטש, שטיי ניט ווי אַ פלאָקן - האָט אים נאַסטיע געמונטערט, זעענדיק זיין פאַרלוירנקייט.

– טו וואָס מען דאַרף...

אייזיק איז געקומען צו זיך. - ווען זי וואָלט געווען אַ דינסט ביי אונדז אין וואַרשע - האָט ער אַ טראַכט געטאָן - אוי, וואָלט איך געוווסט וואָס מען דאַרף טאָן. נאָר גיי הייב זיך אָן מיטן נאַטשאַלניקס ווייב... ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, זיך אָנגענומען מיט מוט און די יאַרמולקע אָנגעמאָסטן אויף נאַסטיעס ברוסט. זי איז מיטאַמאָל פול געוואָרן און אויסגעצויגן. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן פון איין זייט, פון דער צווייטער, זי אונטערגעהויבן, צו זען וועלכע פאָרעם איז פּאַסיקער. דער פולער נאָפּל האָט אים געקיצלט די האַנט־פלאַך. - גוט, עס פּאַסט - האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אַרויסגערעדט.

נאַסטיע האָט אָנגעטאָן דאָס העמד, דאָס קלייד, באַלד איז זי פון צווייטן צימער אַרויסגעקומען מיט אַ שטיק געבלימלטן סיץ און אַ טעלער הייסע, פאַרעדיקע קאַרטאָפל.

אייזיק האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויף איר, און זיך גענומען צום טעלער קאַרטאָפל. מיט אַ פען־מעסערל האָט ער פאַוואָליע צעטרענט די נעט פון דער יאַרמולקע און האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיקע פאָרעם, לויט וועלכער ער האָט צוגעשניטן צוויי שיסעלעך; פון זעלבן שטאָף געמאַכט בענדלעך.

אַז אייזיק האָט נאָכער אָנגעמאָסטן נאַסטיען דעם פאַרטיקן בגד און בעת מעשה אַ גלעט געטאָן דאָ און דאָרט, האָט ער אָנגעקוואָלן:

– זאַגראַניטשנאַיאַ דאַמאַ...

נאַסטיע האָט זיך אַדש פאַררויטלט פון דעם זאָג, כאָטש גאָר באַקוועם האָט זי זיך אין דעם ניט געפילט.

די יאַרמולקע האָט ער ווידער צוזאַמענגענייט, און עס אָפּגעגעבן ר' לייבן.

– איר האָט פאַרדינט אַ מצווה. איר האָט מיר געראַטעוועט ס'לעבן... אַז דאָ מוז אַ שניידער אַלץ קענען - האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט.

דאָס אויפנייען דעם קאָסטיום איז ביי אייזיקן אַוועק ווי געשמירט. אַפילו ווען ער האָט זיך געדאַרפט באַנוצן מיט אַן אַלט. האַנט־ניי־מאַשינדל.

אַז נאַסטיע האָט זיך אויסגעפוצט אין די נייע מלבושים, האָט ביעלאָוסאָוו אָנגעקוואָלן פון זיין ווייבל, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ דאַמאָטשקע.

– ביזט טאַקע אַ שניידער - האָט ער גוט־ברודעריש געקלאַפּט אייזיקן אין פּלייצע. ־אַן אמתער אויסלענדישער שניידער...

און אייזיק מאַנעטאַ איז אויסגעלייזט געוואָרן פון וואַלד־אַרבעט...

## משה שקליאַר

# געזעגענונג

*אויפן טויט פון מיין שוועסטער חיה*

נישט באַוויזן זיך געזעגענען,
דו ביסט אַוועק,
פֿאַרשוווּנדן.
אין האַרץ געבליבן זענען טיפֿע ווונדן
נישט צום פֿאַרהיילן.
געהאַפּט מיר ווען נאָך
זיך ווען עס איז באַגעגענען,
דערמאָנען יענע טעג
ווען ס'איז אויסבעקומען טיילן
די ליידן, ווי דאָס שטיקל ברויט,
און לויט ביי לויט
אויף וואָג פֿון צייט
די קליינע פֿריידן מעסטן -
ווען פֿרילינג האָט אַריינגעבראַכט
אין הויז
די ערשטע שטראַלן
און פֿון הוילע ווענט
עס איז דער שניי אַראָפּגעפֿאַלן,
און געבליבן זענען בלויז
שוואַרצע, פֿייכטע פֿלעקן,
וואָס דו האָסט מיט אַ טוך
ווי מיט אַ כישוף־שפּרוך
געפּרוווט פֿאַרדעקן -

אָ, די שוואַרצע פֿלעקן,
זיי באַגלייטן מיך ווי שאָטנס
אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן
אין דער גרויסער וועלט
און זיי שרעקן,
און דערוועקן
דערמאָנונגען פֿון פֿראָסט
און קעלט
און שניי־זאַווייען
און אַלע שווערע ווייען,
וואָס דו האָסט אויגעטראָגן
מיין גרויסע, קליינע שוועסטער.
איצט ביסטו אַוועק, פֿאַרשוווּנדן.
ווער זשע וועט איצט היילן מיר
די ווונדן -
מיין גרויסע, קליינע שוועסטער?

# אויף דער שוועל

די סאַמע לעצטע שוועל כ׳בין נישט אַריבער,
אַ געהיימע האַנט האָט מיך פֿאַרהאַלטן,
פֿאַרויס געווען עס זענען טיפֿע גריבער
און הינטער מיר די ערד האָט זיך געשפּאָלטן.

בין איך דאָרט אַ פֿאַרלוירענער געשטאַנען,
ווי אורמענטש צווישן וואַסערן און פֿייער,
געשראָקן זיך אַ ריר צו טאָן פֿון דאַנען,
און נישט געוווּסט אַוווּ זיך אויסצודרייען.

צי זאָל איך אין די טיפֿע גריבער שפּרינגען,
ווו מיין געקוילעט פֿאָלק איז אומגעקומען,
אָדער זאָל איך ווערן גאָר פֿאַרשלונגען
דורך די ערד־שפּאַלטן און דאָרטן שטומען?

ווי לאַנג איך בין אַזוי אויף שוועל געשטאַנען
ווייס איך נישט און וויל שוין מער נישט וויסן,
איך ווייט נאָר, אַז איך בין נאָך אַלץ פֿאַראַנען
און גרייט דעם מאָרגן־בלוי אויף ס׳ניי באַגריסן.

* * *

די וועלט איז היינט אַן אַנדערע –
די זון שיינט העלער, ליכטיקער,
דער הימל ז׳ריין אַזוי,
די לופֿט איז ווי דורטזיכטיקער,
אַלץ איז גרינער, בלוי.
עס ווילט זיך וואַנדערן און וואַנדערן,
אַרומנעמען איינאַנדערן
ווי ווייט אינעם אַ מאָל.

איז וואָס, אַז ס׳האַרץ קלאַפּט האַסטיקער
און ס׳פֿילט אַזוי נישט זיכער זיך
די ערד אונטער די פֿיס.
איז אייל זיך אויבעט, גיכערער,
צום שמייכל וואָס באַגריסט
פֿון אומעטום מיט אַזאַ מילדקייט,
מיט אַזאַ וואַרעמקייט און שטילקייט –
ס׳איז גאָר אַן אַנדער וועלט!

עקיבא פישבין / ירושלים

# מאַרק שאַגאַל - צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט

דעלאַקרואַ, דער פראַנצויזישער מייסטער פון 19־טן י"ה, האָט געהאַלטן, אַז "די זכיה פון אַ גוט בילד איז זיין אַ יום־טוב פאַרן אויג. חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן", אַז "די גבורה פון אַ גרויסן קינסטלער באַשטייט אין דעם, וואָס "מיט בילדער, קאָן ער אויסברענען און איינברענען אין אונדזער האַרץ לעבעדיק־וויבריגדיקע געפילן".

הכלל - אין שאַגאַלס אַ בילד געפינט מען דעם טעם פון די אַרויסגעזאָגטע ביידע מיינונגען. שאַגאַלס אַ בילד איז אַ פאַרביק יום־טובדיקער ספּעקטאַקל וואָס טוט באַרוישן דעם מענטש; ער טוט אין זיין האַרצן אויסברענען לעבעדיקע געפילן. מילא, אונדזערס אַ יידן טוט שאַגאַל סתם אַ ציפּ ביי דער נשמה. שאַגאַלס אַ יצירה איז פּאָעזיע און חלום פונעם רעאַלן יידישן לעבן באַפּרוכפּערט. זיינע ווערק זענען: "ווערטער קאָלירקע בונטע, ווי באַלזאַם אויף אונדזערע ווונדן". (רבקה באַסמאַן). וועגן שאַגאַלס מאַלעריי זאָגן די קנאַפּ באַהאַוונטע - ווייס־עך־וואָס, אַ מעשה פון נישט געשטויגן און נישט געפלויגן... אָן אַ פּיצל לאָגיק, אָן אַ רעאַל פּנים! נו, מאַ, זאָגט אָבער אונדזער מאַקס וויינרייך: "וויכטיק איז נישט דאָס פּנים, וואָס מען זעט - נאָר דאָס האַרץ, וואָס מען פילט!". שאַגאַל צעברעקלט דאָס רעאַליסטישע פּנים פון לעבן און אַנטפּלעקט פון דער יידישער עקזיסטענץ דעם טיפן אמת! ביי שאַגאַלן דערפילן מיר דעם האַרץ־קלאַפּ פון יידישן גורל!

* * *

שאַגאַל איז געבוירן אין 1887 אין וויטעבסק, עלעהיי, ווי אונטער אַ גאָלדענעם שטערן. זיין מזל האָט אים באַגלייט ביז צו זיין לעצטן אָטעם. שאַגאַל האָט זוכה געווען צו אַ גליקלעכער קינדהייט, הגם די היים זיינע איז געווען אָן אָרעמע. אַ מזל האָט שאַגאַל געהאַט, אַז די מאַמע זיינע, אַ פרומע פּשוטע יידענע, זאָל פאַרשטיין דעם דראַנג פון איר תכשיט צו מאָלן אַ זעלטענע דערשיינונג אין יידישן שטעטל פון אַ מאָל. אין דער ליבלעכער משפּחה־אַטמאָספער איז שאַגאַל געוואַקסן אַ גליקלעך קינד, פאַרקניפּט מיט זיין היים, און פאַרבונדן מיט דער יידישער סביבה פון וויטעבסק.

מילא, ליב האָט שאַגאַל זיין יידיש וויטעבסק - ממש אהבת־נפש! ער האָט ליב געהאַט דעם יידישן פייזאַזש פון וויטעבסק, הגם ער קוקט אויפן דאָרטיקן לעבן מיט אַן איראָנישן שמייכל... ער האָט ליב געהאַט די בעלי־חי, וועלכע באַגלייטן דעם ייד אין וויטעבסק. ער נעמט זיי אַריין אין זיין קונסט און זיי רעאַגירן, ביי פריידן און ליידן, מיט "מענטשלעכע" געפילן. הקיצור - דאָס אָפּגעמעקטע יידיש שטעטל וויטעבסק איז פון שאַגאַלס האַרץ נישט אַרויסצורייסן! די גאַנצע, כמעט, שאַפונג זיינע האָט אַ טעם פון נאָסטאַלגיע. בעסער - זי איז אָן אָנגעצונדן ליכט נאָך אַ יידישער וועלט, אַן אָפּגעמעקטע מיט הענט פון רוצחים, און די קנויט פון נר־תמיד איז ביי אים - מיט הייסע טרערן באַשפּייזט.

שאַגאַל האָט אַ מאָל געזאָגט - "איך מאָל מיין פאַרלוירענעם גן־עדן". מאָלן אַ "פאַרלוירענעם גן־עדן" הייסט ביי שאַגאַלן - אויפלעבן אין חלומדיקן דמיון די אומגעבראַכטע וועלט. דערצו האָט ער, שאַגאַל, אַ מזל - ער קוקט זיך אַרום איבער דער וועלט מיט אויגן פון אַ קינד, אַ שטיפער... נו, האָט שוין זיין בילד סתם דעם חן פון אַ מעשה שהיה, אינעם זין - "געווען אַ מאָל אַ יידיש וויטעבסק".

אַ מעשה, בטבע, איז דאָך "צעקריגט" מיטן רעאַליסטישן באַנעם - זי איז גראָד "פאַרליבט" אין דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט. אַלזאָ, אין פאַרכישופטן מלכות שאַגאַל



הערשן געזעצן גאָר אַנדערע, ווי אויף דער ערד וועלכע מיר באַטרעטן. ביי שאַגאַלן פליט טאַקע אַ קו איבערן דאַך... גענוי ווי ס׳זאָגט דאָס יידישע ווערטל, און אויך די געאָגראַפיע איז ביי שאַגאַלן נישט די זעלבע, ווי אויף דער מאַפּע פון דער וועלט. אויף זיינס אַ בילד טרעפט, אַז וויטעבסק זאָל גרענעצן מיט פּאַריז, און אַ מאָל - אַפילו... מיט ירושלים.

הכלל, אַ מאָדנער אוניווערס, דער מלכות שאַגאַל, דאָרט הערשן סאַמע ניסים ונפלאות! אַלץ איז דאָרט מעגלעך און נאָרמאַל, אַז מען שמועסט חלומות, פאַנטאַסטישע מעשיות, איז דאָך נישט שייך צו רעדן... אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: - "אין חלום בלי דברים בטלים" - און דאָך, ביי מיין גאַנצן רעספּעקט פאַר אונדזערע חכמים, מוז מען זאָגן, אַז די שאַגאַלישע קונסט איז שוין גאַרנישט פון די דברים בטלים. זי איז אַ סיפור המעשה פון בראַנדיקע יידישע צרות, ווייאי׳קע ליידן אין אַ סימבאָלישן לבוש. די שאַגאַלישע יצירה אין איר אַנטירעאַליסטישן באַנעם טוט, מיט איר נוסח פון באַפליגלטער פּאָעזיע, אויפדעקן דאָס רעאַלע פון יידיש-געדריקטן לעבן שאַרפער און בולטער, ווי דער קאָנווענציאָנעלער רעאַליזם.

פאַראַן פון שאַגאַלס יונגע יאָרן אַ פאַנטאַסטישער אויטפּאָרטרערט - אָט, שטייט ער, דער יונגער לץ, אויפן קאָפּ... און ער מאָלט. הערט נאָר אַ מעשה וואָס דעם שאַגאַלן קאָן אַלץ איינפאַלן... היינט -דאָס פּנים מיטן להכעיסדיק-שקאָצעוואַטן שמייכעלע פון יונגן שאַגאַל קוקט אַזוי עפּעס אַרויסרופעריש, ווי איינער זאָגט - האַ? איר זעט ווער איך בין? איך בין אַ באָרוועסער פּאָעט מיט איין שוך אויף אַ פוס, אַ באָהעמע וואָס גייט נישט אין אייערע גלייכע וועגן. הערט - איך שטיי אויפן קאָפּ, און איך מאָל מיר פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן אַ קו וואָס פליט איבערן

דאָך!... פֿאַרשטאַנען?! קוקט מען זיך איין מיט אויפֿמערק אינעם שקאָצעוואַטן פּנים פֿונעם לץ שאַגאַל, קומט אייך פֿאָר, אַז עפּעס וויל ער, דער לץ, אונדז זאָגן, עפּעס ווינקט ער אונדז אָן. דהיינו? - וואָס וויל ער זאָגן? רבותי! - "הערט" מען שאַגאַלס קול אין בילד - אויב זוכט איר דעם סקאַרבאָווע רעאַליזם - איז אַן עבירה אייער טירחה, ביי מיר וועט איר דעם אָ רעאַליזם נישט געפֿינען. מיינע בילדער זענען פֿון אַ פּאָעט. און טאָמער ווילט איר פֿאַרשטיין מיין מאָלעריי, זאָלט איר אויסטאָן אייערע ניכטערע ברילן און נעמען קוקן מיט די אויגן פֿון אונדזער זאַפּטיק-פֿאָלקישן מאַמע-לשון, וואָס איז אַ בילדעריש-פּאָעטישע שפּראַך. זי איז, מיט איר איבער-רעאַליסטישן באַנעם, העכער און טיפֿער פֿון אַלע רעאַליזמען. אָט, דאָס איז מיין לשון - מיין מאָלערישער אויסדרוק, מיין קינסטלערישער נוסח. אין מיינע פֿאַנטאַסטישע בילדער, ווו איך "רעד" דעם פֿאָלקישן מאַמע-לשון, דאָרט וועט איר אָנטאַפּן דעם אמת פֿון רעאַלן יידישן לעבן. דאָ וועט איר "זען" און פֿאַרשטיין דאָס יידישע וויטעבסק.

יאָ - דער יונגער שאַגאַל איז כשר גערעכט. מחמת זיין פֿאַנטאַסטישער נוסח איז גאָרנישט אַזוי אומעאַל. הערט - אויב איז ביי זיין פֿעטער נח, וואָס שפּילט פֿידל (אויפֿן בילד), דאָס פּנים גרין, איז ווייל פֿון זיינע טאָג-טעגלעכע צרות איז ער נעבעך "פֿאַרגרינט און פֿאַרשוואַרצט" געוואָרן... זאָל נאָר אָבער דער פֿעטער נח אויפֿשפּילן אַ ניגון - דאָ ווערט באַלד "הימל עפֿן זיך"! כל עצמותי תאמרנה, ווי אין פּסוק שטייט. אַפֿילו דער אָרעמער בגד זיינער האָט זיך צעפֿינקלט מיט אַ לוסטיק ליכט-און-שאָטן-שפּיל! אַ קאַטאָוועס אייך - דעם פֿעטער נח'ס ניגון! ער איז דאָך די יידישע וואַרעמקייט און היימישקייט. גאַנץ יידיש וויטעבסק קוועלט דאָך אָפּ. טוט נאָר אַ קוק - "מען שטייט דאָך אויפֿ'ס קעפּ".

יאָ. די שאַגאַלישע יצירה דערלאַנגט דער וועלט דעם בלוטיקן ווײ דעם גרויל פֿון יידישן חורבן. זעלטן האָט אַ קינסטלער בולט אַזוי אויסגעדריקט דעם ממשות פֿון דער שואה, ווי שאַגאַל.

שאַגאַל ברענגט דעם פֿלאַם פֿון דער יידישער נשמה, דאָס גאָלד פֿון פֿאָלקיש-יידישן בטחון ברענגט ער. ער איז "דער גרעסטער לירישער קאָלאָריסט פֿון אונדזערע צייטן" - דערקלערט אַנדרע מאַלראָ! שאַגאַל - ער האָט מיט אַ רעגנבויגן פֿון פֿאַרבן אונטערגעטראָגן דער וועלט אונדזער אָפּגעמעקט יידיש שטעטל, געוויזן דעם ייד מיט זיין ניגון, מיטן פּאָעטיש-מאָלערישן מאַמע-לשון זיינעם אין מויל, מיטן כישוף פֿון זיינע פֿאַרבן האָט ער דער וועלט געוויזן - קוקט! אָט, וואָס מיר יידן זענען, און זעט אויך דעם וויסטן סך-הכל וואָס איר האָט פֿון אונדז געמאַכט...

אין דער שאַגאַלישער קונסט קאָכט דאָס יידישע לעבן, ווי דער רוסישער סאַמאָוואַר, ביי זיין מאַמען אין וויטעבסק. פֿון דעם צערודערטן, צעקאַלעטשעטן, יידישן לעבן האָט שאַגאַל אויסגעקנאָטן פֿאַנטאַסטישע חלומות, אמת, אָן אַ פּיצל לאָגיק. זיינע אומלאָגישע בילדער, אינעם פּאָעטיש-פֿאַנטיסטישן איינהיל, האָבן אָבער די זיסע מעלה - זיי דערלאַנגען דאָס טעלערל פֿון הימל! און אויף דעם פּאָבולאָרן טעלערל ליגט אַ פֿאַרכישופֿטער שליסל, וואָס עפֿנט טיר-און-טויערן צו שאַגאַלס לעבן, און צום לעבן פֿון יידישן שטעטל. און טאָמער ווילט איר אַ מוסר השכל פֿון שאַגאַלס קונסט, טאָ כאַפּט אַ בליק אויף זיינס אַ שוואַרץ-ווייסע צייכענונג - "דער אַלטער וואַנט-זייגער". דער אָ יידישער אַלטער וואַנט-זייגער גייט שוין, ביי שאַגאַלן מיט אַ שטעקן... פֿון דער עלטער... נו מילא, זאָל זיין מיט אַ שטעקן... אַבי ער גייט.

יאָ, ער גייט דער יידישער זייגער! ער גייט און גייט! און גיין וועט ער עד נצח נצחים!

לידיאַ פּראָלאָוו

# מיין שוועסטער חייקע

## (אַן אויסטערלישע געשיכטע)

חייקע איז געווען די עלטצטע שוועסטער מיינע.איך האָב זי שטאַרק ליב געהאַט און אַלע יאָרן זיך געשפּיגלט אין איר. זי איז געווען הויך און שלאַנק, געטראָגן אַראָפּגעלאָזט די צוויי גראָבע לאַנגע פאַרפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ. ווען זי פלעג זיי פאַרדרייען איבערן קאָפּ, אַריינשטעכן אין זיי אַ שיינענדיקע ברוינע שפּילקע, אָדער אַ העלע לענטע, האָט איר געקרייזלטער קאָפּ האָר אויסגעזען ווי אַ שיינע קרוין. דאָס מאַסיווע פּנים איז געווען עטוואָס קיילעכדיק, אָבער אַלע שטריכן - אויסגעטאָקטע. שיינע, דינע, גלייכע ברעמען. די אויגן, וואָס האָבן פון דאָרט אַרויסגעקוקט, האָבן שטענדיק געשיינט און ווייך געשמייכלט. אַ סך ווייבלעך, ביי וועמען עס זענען געווען זינדלעך, האָבן זיך געוווּנטשן אַזאַ שנירעלע, און מ'האָט געוואַרט ביז מיין חייקעלע וועט אונטערוואַקסן. ביי אירע זעכצן יאָר האָט מען שוין ביי אונדז אין שטוב אָפּגעשטלאָגן די שוועל, אָבער זי האָט געטריבן די שדכנים. פון קינדוויַיז אָן געווען איינגעליבט אין אונדזערס אַ שכן, אין שמיליק דעם ליטוואַקס. שמיל איז געווען אַ ביסל נידעריקער פון מיין שוועסטער, אַ מאָגערער און שטאַרק טונקעלער. ער האָט אויך געהאַט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און שוואַרצע אויגן. ער איז געווען עלטער פון איר מיט אַ יאָר פיר.

דערוואַרט זיך וועט מיין חייקעלע איז אַלט געוואָרן זעכצן, האָט ער זיך צוגעאײלט מיט דער חתונה. געלעבט האָט דאָס יונגע פּאָרפּאָלק באַשיידן און אין גרויס ליבשאַפט. די יאָרן זיינען געגאַנגען, קינדערלעך זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן - שיינהייטן. אין דער מיט דרייסיקער יאָרן איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון פינף קינדערלעך. יאַנקעלע -צען יאָר אַלט; דאָרעלע - אַכט יאָר; פרײדעלע - זעקס; רימעלע - דריי, און הערשעלע - איין יאָר.

אין יענע יאָרן איז די לאַגע אויף דער אוקראַינע געווען אַ שוידערלעכע. האָט מיין חייקע באַשלאָסן פאָרן מיט דער משפחה אין אַ שטעטל הינטער מאָסקווע צו מיין שוואָגערט פעטער. געלעבט האָט ער אַליין. קיין קינדער נישט געהאַט און זיין ווייב איז שוין געווען אויף יענער וועלט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז שמיל האָט געמוזט פאַרמאַכן זיין קלייטל און אין שטעטל שטאַרבט מען פון הונגער, האָט ער אים געגומען רופן צו זיך. ער האָט געשריבן, אַז שמיל וועט דאָרט גרינג קענען געפינען אַרבעט פאַר זיך, און אַז דער הונגער איז אין מאָסקווע נישט אַזוי שרעקלעך, ווי אין דער קליינער פּראָווינץ אויף אוקראַינע. האָבן מיין שוועסטער מיטן מאַן פאַרנומען העקל-פּעקל און מ'איז געפאָרן צום פעטער קיין מאַלעיאַראָסלאַוועץ.

חייקע מיט שמילן האָבן זיך אַ ביסל געוווּנדערט ווען זיי זיינען אַריין אינעם איבערגעפולטן וואָקזאַל מיט מאָדנע פּאַסאַזשירן, נאָר זיי האָבן געטראַכט, אַז דאָס זיינען מסתמא אַזעלכע חכמים ווי זיי, לויפן פון די אוקראַאינישע דערפער ערגעץ אין דער מאָסקווער געגנט, נעענטער צו די מלוכישע אָנפירער, וועלכע האָבן נאָך נישט דערפירט דעם צענטער צו דעם שרעקלעכן הונגער.

"דו זיץ אָט דאָ מיט די קינדער" - האָט געזאָגט דער מאַן צו מיין שוועסטער - און איך וועל גיין אָרגאַניזירן אַ טראַנספּאָרט, כדי מען זאָל אונדז אַריבערפירן צו דער צווייטער סטאַנציע".

כדי אַנקומען פון מאָסקווע קיין מאַלעיאַראָסלאַוועץ האָבן זיי געמוזט זיך איבערזעצן אויף אַ ביישטאַטישן קליינעם אַרבעטער־צוג. קוים אויסגעזוכט פּאַר די פּעקלעך אַ פּריי שטיקל אָרט אין אַ ווינקל פון וואָקזאַל, האָט מיין שוואָגער איינגעאָרדנט די קינדערלעך אויף די פּעקלעך און אַליין איז ער אַוועק זוכן אַ מיטל אויף אַריבערצופירן די משפּחה. ווי נאָר שמיל איז אַרויס פון וואָקזאַל זיינען אַריינגעקומען עטלעכע מיליטער־לייט און באַפוילן אַלעמען זיך רירן פון די ערטער. מען האָט ברייט צעעפנט אַ טיר, וואָס פירט פון וואָקזאַל צו דער אייזנבאַן־ליניע. ס'איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז מיין חייקע האָט גענומען ציטערן פון שרעק. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר, פאַרוואָס זיינען די מענטשן אַזוי דערשראָקן, אַזוי איבעראַשט. זי האָט דערפילט, אַז דאָס שמעקט עפּעס מיט נישט גוטן, נאָר באַשטימט פונעם אָרט זיך נישט רירן, וואַרטן אויפן מאַן. ווען דער וואָקזאַל איז שוין געווען כמעט ליידיק, האָט איינער פון די מיליטער־לייט דערזען חייקען מיט די קינדערלעך אויף די פּעק און זיי רירן זיך נישט פון אָרט. איז ער צו צו זיי און גענומען זיי טרייבן צו דער אָפענער טיר. וויפל מיין שוועסטער דערקלערט אים, אַז זי פּאָרט קיין מאַלעיאַראָסלאַוועץ, אַז איר מאַן איז אַוועק זיך דערוויסן צו וועלכן וואָקזאַל זיי דאַרפן אָנקומען כדי איבערזעצן זיך אויפן אָרטיקן אַרבעטער־צוג, האָט ער זי אַפילו אויסהערן נישט געוואָלט. ער האָט אַ רוף געטאָן נאָך צוויי מיליטער־לייט, זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן די פּעקלעך און גענומען טרייבן חייקען מיט די קינדער צו דער גרויסער אָפענער טיר. יעדעס מאָל וואָס מיין שוועסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט געוואָלט גיין ווייטער, האָט זי באַקומען אַ שטורק אין די פּלייצעס. זיי האָבן אויך געשלאָגן דאָס עלטערע יינגעלע, וואָס האָט זיך קעגן געשטעלט, נישט געוואָלט אַרויס פונעם זאַל. דער פּראַכט־צוג האָט שוין געריכט ווען די מיליטער־לייט האָבן מיט כוח אַריינגעשטופּט אַהין חייקעלען, די קינדערלעך און די פּעקלעך. דערוווּסט זיך וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז געשען מיט איר און מיט די קינדער, אַז דער עולם אַרום איז כמעט ווי אַרעסטירנטן, און מ'פירט זיי קיין סיביר, איז מיין שוועסטער אַ פּאָר מאָל געפאַלן אין חלשות.

אַ גאַנצן חודש האָט דער צוג זיך געשלעפּט קיין סיביר, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ סך סטאַנציעס, טייל מאָל אויף גאַנצע טעג. זי האָט נישט איין מאָל אין וועג ריזיקירט מיט פאַרלירן די קינדער, נאָר זי האָט, נעבעך, קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, געמוזט לויפן אויסבייטן ביי וועמען אַ קליידל, אַ פּאָר הויזן אָדער אַ פּאָר שיך אויף אַ שטיקל ברויט, אַז די קינדער זאָלן אין וועג נישט שטאַרבן פון הונגער. קיין סיביר זיינען זיי געקומען נאַקעט און באָרוועס. אויף איינער אַ סטאַנציע, פאַרן אָנקומען אויפן אָרט, האָט זי באַוויזן באַגראָבן דאָס קלענצטע קינד. ס'האָט נישט אויסגעהאַלטן די קעלט און דעם הונגער.

אין סיביר האָט מען זיי איינגעאָרדנט אין אַ באַראַק. צוזאַמען מיט דעם עלטערן יינגעלע האָט חייקע דאָרט שווער געהאָרעוועט אויפן שטיקל ברויט. נישט מיר און נישט שמיל האָבן נישט געוווּסט, ווו חייקע מיט די קינדער זיינען אַהין געקומען. שמיל האָט אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעוואַלגערט אין מאָסקווע, זיך גאָרנישט געקאָנט רעדשלאָגן און אַוועק געפאָרן צום פעטער קיין מאַלעיאַראָסלאַוועץ. דער פעטער איז אין גיכן געשטאָרבן און שמיל איז געבליבן אַליין. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ חשבון פירער אין איינעם אַן אַנשטאַלט און נישט אויפגעהערט זוכן דאָס ווייב מיט די קינדער.

מיין שוועסטער וואָלט געוועןן דאָרט אין סיביר אומגעקומען מיט די קינדער פון הונגער און קעלט, נאָר ס'האָט זי אָפּגעראַטעוועט פון טויט דאָס וואָס זי האָט געקאָנט אַ

ביסל נייען. דערוווּסט זיך, אַז ביי איינער אַן אַלטער פּויערטע אין באַראַק איז פאַראַן אַ האַנט־ניי־מאַשין און די אַלטע קאָן זיך שוין מיט דער מאַשין נישט באַנוצן, האָט מיין חייקע איר פּאַגעלייגט, אַז זי וועט אויסבאָרגן די מאַשין און יעדעס מאָל ווען זי וועט עפּעס פאַרדינען וועט זי געבן דער אַלטיטשקער אַ חלק פונעם פאַרדינסט. ווי נאָר מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז זי קען נייען, האָט זי צעפּירט די הענט, אָנגענומען אַרבעט, אויפגענייט וועמען אַ קליידל, אַ העמד, אַ פּאָר הויזן, איבערגעניצעוועט אַן אַלט מלבוש, און אַזוי צו ביסלעך פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט.

איין מאָל האָט זיך צווישן אירע קליענטן געיאָוועט אַ ייד, אַן עלטערער מענטש שוין נאָך די זיבעציקער. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. ווען מיין שוועסטער האָט זיך נעענטער באַקענט מיט אים, האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ לעגענדע. נאָך גאָר אַ יונגער האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבנס־וועג פון זינגען אין אַ שיל. זיין שטים איז געווען אַ זעלטענע און מ'האָט אים אַריינגענומען אין אָפּערע־טעאַטער. ער האָט געוויזן חייקען אַן אַלטע אַפישע, וואָס האָט זיך צופעליק פאַרוואַלגערט ביי אים. עס איז געווען אָנגעשריבן אין רוסיש: "אין דער ראָל פון יונגן פאַוסט טרעט אַרויס דער זינגער סאַשע פּריבלודע". דער דאָזיקער מענטש איז אויך באַוווּסט געווען אין דער געזעלשאַפט פון אָנגעזעענע מאָלער מיט זיינע נאַטור־בילדער און פּאָרטרעטן. ער האָט אויך געהאַט זעלטענע פעיקייטן צו מאַטעמאַטיק. ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און דאָרט באַקומען דעם טיטל פּראָפעסאָר פון פיזיק. באַלד נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דערהערנדיק וועגן די פרייהייטן וואָס די סאָוועטן זאָגן צו די יידן, איז ער צוריק געקומען קיין רוסלאַנד און גענומען לייענען לעקציעס פון פיזיק אין אָדעסער אוניווערסיטעט.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך ביים אָדעסער אוניווערסיטעט געעפנט אַ יידישער סעקטאָר: אַ פאַקולטעט פון ליטעראַטור, פון מאַטעמאַטיק, פון כעמיע און פון פיזיק. ער האָט דאָרט געלערנט פיזיק. די צייט איז דעמאָלט געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט. מ'האָט נישט געטאָרט עפענען דאָס מויל, נישט זאָגן וואָס דו טראַכטסט, נישט טראַכטן וואָס דו זאָגסט. האָט דער דאָזיקער ייד אויף אַ ווײַלע זיך פאַרגעסן און זיך אַרויסגעכאַפּט מיט נישט געוווּנטשענע ווערטער.

פאַרשיקט קיין סיביר, האָט מען זיך גענומען דאָרט אויסנוצן אים, געגעבן אים אַרבעטן איבער אַ טעמע וועגן ראַדיאָ. דער פּראָפעסאָר האָט אין זיין אַרבעט נישט געזען קיין שלעכטס, פאַרקערט, זי האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט. באַדינגונגען האָט מען אים אויך געשאַפן מער אָדער ווייניקער דערטרעגלעכע. ער איז געזעסן און צו ביסלעך עפּעס געשאַפן. ער האָט אויך געפונען צייט זיך צו פאַרנעמען מיט מוזיק און מאָלעריי.

דערזען מיין שוועסטער, דאָס סימפּאַטישע יונגע ווייבל מיט די קינדערלעך, האָט ער אויסגערופן: "איך האָב אייך געפונען, מיין טאָכטער מיט די אייניקלעך!" מער פון אַלעמען האָט ער זיך צוגעבונדן צו יאַנקעלען, דאָס יינגעלע האָט אים עפּעס דערמאָנט אין זיך אַליין. דערוווּסט זיך, אַז יאַנקעלע קען מאָלן, האָט ער אים גענומען צו זיך אַ היים און באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס איז נייטיק.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען אין מאָסקווע דערקלערט אַן אַלפאַרבאַנדישע אויסשטעלונג פון יונגע קינסטלער. אין יענער צייט האָט שוין יאַנקעלע געהאַט געשאַפן אַ סך בילדער. צווישן זיי איז געווען אַ בילד אַ"נ "דער מיליטערישער הונט אויף דער וואַך". פּריבלודען איז דאָס בילד שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט עס זייער הויך אָפּגעשאַצט און געצוווּנגען מיין פּלימעניקל אָוויקשיקן עס צום קאָנקורס. אַזוי האָט דער

הונט אַפּגעראַטעוועט מיין שוועסטער פון סיביר און אומגעקערט זי מיט די קינדער אַ היים. אין צענטער האָט מען זיך אינטערעסירט מיט דעם יונגן מאָלער, און ווען מ'האָט זיך דערוווּסט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מיין חייקעלע מיט די קינדער זיינען איבער אַ פּשוטער מיספאַרשטייעניש פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, האָט מען זיי אויסגעטיילט אַ סומע געלט, אויסגעפּוצט אין נייע קליידער און געבראַכט קיין מאַלעיאַראָסלאַוועץ.

דעם מאַן האָט מיין שוועסטער נישט געטראָפן אין שטוב. צוויי יידענעם האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט ביי די טעפּלעך אין קיך. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש און אַרום אַ סך בענקלעך. דער טיש איז געווען געדעקט. ס'זיינען געשטאַנען אויף אים פלעשער וויין, טעלער, גלעזער, לעפל, גאָפּל, מעסערס. ס'איז געווען קענטיק, אַז מען גרייט זיך דאָ צו אַ שמחה. מיין חייקע האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס מוז זיין אַ סופּריז פאַר איר. מ'האָט אוודאי געגעבן צו וויסן, אַז זי האָט זיך אומגעקערט און מען גרייט זיך אויפנעמען זי ווי ס'פּאַסט, מיט אַ רייך־געדעקטן טיש. זי האָט זיך באַגריסט מיט די צוויי יידענעס און אַ פרעג געטאָן אויף שמילן. דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט איינע פון די פרויען, זי האָט באַטראַכט דאָס נישט היגע ווייבל און אַ פרעג געטאָן: "וואָס דאַרפט איר האָבן שמילן?"

ערשט איצט האָט מיין שוועסטער פאַרשטאַנען, אַז די שמחה איז ווייט נישט פאַר איר צוגעגרייט. אַן אַנטוישטע האָט זי אַ זאָג געטאָן: "איך בין געקומען פון סיביר. איך בין שמילס ווייב און דאָס זיינען זיינע קינדער". חייקע האָט נישט באַוויזן ענדיקן אירע רייד ווי די יידענע איז אַרויס פון שטוב ווי זי שטייט און גייט, מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיטן פאַרטעך אויף זיך און דעם איבערגעבונדענעם, פאַרדרייטן טיכל אויפן קאָפּ. די צווייטע פרוי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן חייקען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער. מיין שוועסטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלייך. איז זי צוגעשטאַנען צו דער יידענע זי זאָל איר זאָגן וווּ איר מאַן איז, אָבער יענע האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן פון דער ערד און אַלץ געשוויגן. אין יענעם מאָמענט איז אַריין אין שטוב אַ גאַנצע כאַליאַסטרע געסט, אויסגעפּוצטע, פריילעכע. זיי האָבן באַטראַכט די פרעמדע פרוי מיט די קינדער. איינער האָט געמיינט, אַז דאָס איז געקומען צו פאָרן אַ קרובה אויף דער שמחה, האָט ער זי באַראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און אַ פרעג געטאָן: "פון וואַנען האָבן זיך עס געיאַוועט דאָ אַזעלכע חשובע געסט?" "פון סיביר" – האָט מיין חייקע געענטפערט שוין אַן אויפגערעגטע.

און דאָ האָט די יידענע באַקומען לשון:

"ס'איז שמילס ווייב און זיינע קינדער. פרימע איז אַוועק געלאָפן אין "זאַקס" אַריין אָפּשטעלן די זאַך. לויפט עמעצער גיך, פרימע איז צעטראָגן און זי קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן... לויפט עמעצער – האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. – פרייד מיט צרות אין דער זעלבער מינוט... "שמיל האָט זיך, נעבעך, אַזוי פיל אָנגעקלאָגט, אַזוי שטאַרק געזוכט דאָס ווייב מיט די קינדער. און איצט? אָט האָסטו דיר! ס'רייסט מיר אויס דאָס האַרץ פאַר זשעניען. וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק. מענטשן האָבן זי צוגערעדט".

פון דער יידענעם פּלאַפּלעריי האָט חייקע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שמילס שמחה, און גיכער פון אַלץ, זיין חתונה מיט עמעצן. האָט זי אַ פרעג געטאָן ביי די מענטשן:

"זאָגט מיר, וואָס קומט דאָ פאָר?"

די יידענע איז צוגעגאַנגען צו מיין שוועסטער און זי אַרומגענומען.

"הער זיך צו, טאָכטער מיינע, איך בין שמילס אַ שכנה – האָט זי אָנגעהויבן – אַ מאַן האָסטו אויף מיר שוין אַזאַ יאָר. ער האָט דיך נישט אויפגעהערט זוכן, נאָר אַ

מאַנסביל בלייבט אַ מאַנסביל... ער האָט געמיינט, אַז דו מיט די קינדער זיינען אומגעקומען. פיר יאָר לעבט ער דאָ איין אַליין, האָבן זיך געפונען מענטשן און גענומען אים צוריידן ער זאָל חתונה האָבן. דאָ איז פאַראַן אַן אלמנה, ס'איז זי נישט צו פאַרגלייטן מיט דיר. עס איז ווי טאָג און נאַכט. נישט אומזיסט האָט שמיל אַזוי געקלאָגט און געוויינט. נאָך אַזאַ שיין, יונג ווייבל מעג מען קלאָגן און וויינען. קורץ גערעדט, איך זע דו ציטערסט אזש. ביסט אָנגעקומען צו דער צייט. דער פרויס מאַמע איז אַוועק אין "זאַקס". זי וועט דאָרט זאָגן מ'זאָל זיי נישט פאַרשרייבן. דיין שמיל וועט זיך באַלד אומקערן. גלייב מיר, ער איז גאָרנישט שולדיק".

זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט חייקעלע אַ געשריי געטאָן צו די קינדער:

"קומט קינדער צוריק צו דער סטאַנציע. אַזאַ מאַטן דאַרפן מיר אויף כפרות! מיר זענען זיך די גאַנצע צייט באַגאַנגען אָן אים, וועלן מיר ווייטער אויך אָן אים אונדזער שטעטל באַשטיין! זי האָט אַ שלעפּ געטאָן די קינדער און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דער שטוב.

"לאָזט זי נישט אַוועק גיין", - האָט זי דערהערט עמעצן שרייען. אין דרויסן האָבן זיך שוין צונויפגענומען אַלע פאַרבעטענע געסט. מ'האָט געוואַרט, אַז חתן-כלה זאָלן זיך אומקערן פון "זאַקס". פון צווישן דעם עולם האָבן זיך צו חייקעס אויערן דערטראָגן אָפּגעהאַקטע זאַצן: "סאַראַ שיין ווייבל". "גאָלדענע קינדער". "ווי קומט זשעניע צו איר. זשעניע איז, דאַכט זיך, עלטער"...

די געסט האָבן פאַרשטעלט חייקען מיט די קינדער דעם וועג און זיי נישט געלאָזט אַוועקגיין, ביז וואָס-ווען האָט זי דערזען ווי מ'פירט שמילן אונטער די אָרעמס, ער גייט קוים אויף די פיס. ווען דער כלהס מאַמע איז אַריין אַ ציטערנדיקע אין "זאַקס" זיינען שוין חתן-כלע געזעסן ביים טישל און דער סעקרעטאַר האָט געפירט מיט זיי דעם טראַדיציאָנעלן שמועס, ווי עס פירט זיך פאַרן פאַרשרייבן דאָס פאָרל. ער האָט שוין געהאַט געעפנט דאָס רעגיסטראַציע-בוך, ווען פרומע, זשעניעס מאַמע, האָט אַ געשריי געטאָן:

"פאַרשרייב זיי נישט!"

"מאַמע, וואָס האָט געטראָפן?" - האָט די טאָכטער אַן איבערגעשראָקענע זיך אויפגעכאַפּט פונעם בענקל און צו צו דער מוטער.

"שמילס ווייבל מיט די קינדער זיינען געקומען פון סיביר" - האָט זי געזאָגט אַ פאַרסאַפּעטע.

די כלה האָט אַ קוק געטאָן אויף שמילן. ער איז געווען אַ לעבעדיקער מת, בלייך ווי די וואַנט. ס'האָט אים ווי אָפּגענומען דאָס לשון און ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען ווען דער סעקרעטאַר האָט זיך געווענדט צו אים. ער האָט גאָרנישט געהערט וואָס מ'רעדט צו אים. דערזען זיין צושטאַנד האָט די אלמנה זיך דערשראָקן. פון "זאַקס" האָבן די מאַמע מיט דער טאָכטער פאַרקערעוועט גלייך צו זיך אַ היים. צוויי מענטשן, אַ מאַן מיט אַ פרוי, האָבן פאַרזיכטיק אויפגעהויבן שמילן פון בענקל, מורא האָבנדיק אַז ס'קאָן זיך אים אָפּרייסן דאָס האַרץ. זיי האָבן אים אָנגענומען אונטער די אָרעמס און געבראַכט אַ היים.

מיין שוועסטער האָט ליב געהאַט איר מאַן, געטרוימט וואָס גיכער זיך טרעפן מיט אים. ווען זי האָט אים דערזען אַ בלייכן, אַזן אויסגעמוטשעטן, נאָך מאָגערער ווי ער איז אַ מאָל געווען, און געעלטערט, האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. נאָר די פרויאישקייט

אירע, דער פּרואישער האָנער האָבן גענומען די איבערהאַנט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט כּעס, פון אויבן אַראָפּ. ווען די צוויי באַגלייטער האָבן אים צוגעפירט צו איר, איז ער איר געפאַלן צו די פּיס און זיך האַרצרייסנדיק צעוויינט. מיט אַ שוואַך, וויינענדיק קול האָט ער געבעטן זי זאָל אים מוחל זיין. נאָר זי האָט באַשטימט זיך נישט אונטערגעבן, נישט אַרויסווייזן איר שוואַכן ווייבערישן כאַראַקטער:

"איך האָב צו דיר גאָרנישט - האָט זי זיך אָנגערופן און אָפּגעטראָטן פון אים, ער זאָל זי מער נישט האַלטן ביי די פּיס. - איך האָב צו דיר גאָרנישט - האָט זי איבערגעחזרט. - איך וויל נישט אומגליקלעך מאַמן אַ צווייטע פרוי מיט וועלכער דו האָסט ערשט חתונה געהאַט. איך בין שוין אָפּגעוווינט פון דיר. די קינדער אויך. מיר קאָנען זיך שוין באַגיין אָן דיר. לעב דיר געזונטערהייט אויס דיינע יאָרן מיט דיין נייער משפּחה, און מיר וועלן אַוועקפאָרן צוריק אין שטעטל אַריין צו מיינע עלטערן און שוועסטער".

מיט אים איז עפּעס פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט גערירט די קינדער. ער איז אומגעפאַלן און גענומען נישט וויינען, נאָר קרייען. יאַנקעלע, דאָס עלטערע יינגעלע, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, זיך אָנגעבויגן און געזאָגט: "שטיי אויף, טאַטע". ווען ער האָט אים אויפגעהויבן, אַוועקגעשטעלט אויף די פּיס, האָט ער אים אַרומגעכאַפּט און זיך שטאַרק צעוויינט. באַלד זיינען אויך צוגעלאָפן צום טאַטן די צוויי מיידעלעך, דאָרע מיט פריידעלען. אויך זיי האָבן אים אַרומגענומען און, קושנדיק אים, געוויינט אויפן קול. צום סוף איז צוגעגאַן דאָס קלענצטע. געקושט זיך מיט דעם קלענצטן, האָט שמיל זיך גענומען אַרומקוקן און זוכן מיט די אויגן: "ווו איז הערשעלע. אונדזער פיצעלע?" - האָט ער אַ פרעג געטאָן אַ דערשראָקענער. דערזען אַז שמיל האָט זיך נאָך ביטערער צעוויינט ווען ער האָט דערהערט, אַז הערשעלע איז שוין נישטאָ, האָט חייקעלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און וויינענדיק צוגעגאַן צום מאַן און אים אַרומגענומען.

דער עולם איז זיך נישט פונאַנדערגעגאַנגען. מ'האָט קיינעם נישט געפרעגט און זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. איינער אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן האָט געמאָלדן, אַז מ'דאַרף ממשיך זיין שמילס שמחה, זי איז אַ סך גרעסער פון דער, צו וועלכער מען האָט זיך געגרייט.

## אלי ביידער / ירושלים

# אַפאָריזמען

* * *

איצט, ווען ס'איז אין צייט אַ מאַנגל,
געדענק אַז אַפאָריזם שפּאָרט
אָפּט רייד אַ גאַנצע קוואָרט,
וואָס אין פיר שורות ווערט געזאָגט.

* * *

אויב אַ מענטש זיין מיינונג בייט,
מיין ניט, אַז ער איז ניט גענייט.
ס'איז דער גאַנצער וועלט באַוווסט:
אַן אייזל בייט זיין מיינונג ניט.

* * *

ווען איך זע דעם בייזן פּרצוף,
וואָס ביי יידן־פיינט איז עכט,
דעמאָלט פאַרשטיי איך תּיכף -
דאַרווין איז געווען גערעכט.

* * *

אַן אמת גוטער מענטש,
דאָס דאַרפסטו שטענדיק וויסן,
איז דער, וואָס איז געבענטשט
צו זיין דער באַלעבאָס פון חשק
און אַ קנעכט פונעם געוויסן.

## שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש

# דער אמת

זייט נישט פֿאַרפּירט, איך בעט אייך, פֿון מיינע ווייסע האָר
דענקט נישט, אַז אַלע מיינע פֿייערן זענען שוין פֿאַרלאָשן
און טראַכט נישט, אַז די קנייטשן־ליניעס אַרום מיינע ליפּן
ווייזן אַז מיינע קושן זענען אויסגעטריקנט מעל

זייט וויסן, אַז די פּילצאָליקע ברוינע פֿלעקן אויף די הענט
מיט בלויע אָדערן
שטערן גאָרנישט צום אָנרירן אין האַלטן פֿעסט דעם
פּולס פֿון היציק פֿאַרגעניגן

און איך פֿאַרמאָג נאָך אַלץ אַ פֿאַרבאַהלטן וואַרעם אָרט
אַ פֿאַרכּישופֿטן קאַנאַל צו דער לבֿנה, זון און שטערן
אַ בסודותדיקע היים ווו איינגעבוירן לעבן איז געוואַקסן
צוזאַמען מיט ציטערדיקע פֿרייד און בלוט און וויי
און צוגלייך מיט אַלע בריות פֿון אַלע וועלטן
אָנגעקומען מיט נייעם אָטעם און געשריי

די האָר, די קנייטשן, פֿלעקן זענען נאָר אַ באַשיידענער צודעק
אויף דעם ווילדן שטורעמדיקן חוצפּהדיקע ליאַרעם
פֿון ליבעס, לעקעכץ, זכרונות, שטעכעכץ און פֿאַנטאַזיע
וואָס רוישט און רודערט דאָרטן אין דער נידער.

## יעקבֿ לעווין

# די זון

די זון פֿון יענע טעג פֿון האַרבסט
וואַרעמט מער נישט ווי אַ מאָל
און פֿונקען לעשן זיך
אָנשטאָט צו צינדן
דעם הונגער
שפּיצן בערג צו גרייכן.

הינטער גרויען נעפּל
שלאָפֿן היינט די בערג
און ווו אַ בלויער טייך
האָט אָנגעטרונקען דעם אַרום
אויסגעטריקנט ליגט זיין דנאָ
און שטום.

(מערץ 26, 2005)

# צוויבער

דער צוויבער פֿון הימלען -
צו גרייכן
די הייכן
און גיין, ווו ס'איז קיינער
ביז איצט נישט געגאַנגען
און אויסלעבן גרויסע
צי קליינע פֿאַרלאַנגען
און לאַכן

און ליבן.
און טרוימען
אָן צוימען.
און טאָמער חלילה
ווערט טרוים נישט מקוים -
באַנעץ מיט אַ טרער
און ווידער וועט בליען.

(אַפּריל 2005)

משה שקליאַר

# וועגן דער וואָרט־קינסטלערין הדסה קעסטין

## אַ דערמאָנונג

אַנומלט האָב איך לויטן אויפטראַג פון מרים קאַראַל, דער דירעקטאָרין פון "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור און שפּראַך", וועלכע האָט געגרייט אַן אָוונט געווידמעט ליבע־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע, אַ גריבל געטאָן אין מיין ביבליאָטעק, כדי געפינען פאַר איר עטלעכע לידער, וואָס קאָנען זיין פּאַסיק פאַר אַזאַ אָוונט. נישט לאַנג געזוכט, האָב איך צווישן דעם דיכטער בינם העלערס ביכער, וואָס פאַרנעמען אַ חשוב אָרט אויף מיינע פּאָליצעס, געפונען "עפּעס", וואָס איז מער ווי פּאַסיק פאַר אַזאַ אָוונט. די וויטערדיקע שורות האָב איך איבערגעלייענט אין איינעם פון זיינע לידער "אָן אַ נאָמען".

"...איך זוך דיר אָפּ מיט בלאָנדזשענדיקע פינגער,\
די הייסע בענקשאַפט פון דעם בלוט דערוואַכט\
און אין דער פרייד מיר ווערן ביידע יינגער\
מיט איין בראשיתדיקער בלאָער נאַכט".

איבערגעלייענט, און דערמאָנט זיך דעם "אָביעקט", וועלכן דאָס ליד, ווי אַ סך אַנדערע ליבע־לידער העלערס, איז געווידמעט: הדסה קעסטין - זיין איבערגעגעבענער פרוי און וואָרט־קינסטלערין, וועלכע האָט ווירדיק געטראָגן זיין ליד, און נישט בלויז זיינס, צום יידישן עולם אין דער וועלט. עטלעכע מאָל האָט זי "פאַרבלאָנדזשעט", הדסה קעסטין, צו אונדז אין לאָס־אַנדזשעלעס און איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַגריסן זי בעת איר קאָנצערט אין יידישן קולטור־קלוב. און געזאָגט האָב איך דעמאָלט:

פאַר מיר איז הדסה קעסטין כמעט אַ משפּחה־מיטגליד. איך האָב זי געקענט נאָך אַלס קינד, ווען כ'פלעג קומען באַזוכן מיין לערערין, די שפּעטערדיקע שרייבערין און מאָלערין חוה סלוצקי־קעסטין אין זייער הויז אין וואַרשע. אין יאָרן אַרום האָב איך זי באַגעגנט, הדסהן, שוין ווי אַ רייפע אַקטריסע און פרוי פון מיין פריינד, דעם דיכטער בינם העלער. קיין בעסערער זיווג האָט גאָרנישט געקאָנט זיין!

אין 1947 אָדער 1948, ווען הדסה האָט נאָך געלערנט אין דער לאָדזשער פילם־און טעאַטער־שול און געוווינט אין אַ היים פאַר יוגנטלעכע, האָט זי געשפּילט אין מיינס אַ דראַמאַטישער פּאָעמע וועגן געטאָ־אויפשטאַנד א"נ "די לעצטע". די דראַמע, וואָס כ'האָב געהאַט אָנגעשריבן נאָך זייענדיק אין ס"פ אין יאָר 1944, דערוויסנדיק זיך וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז ביי מיר ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. זי איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן אין הדסהס זיכרון, ווי אַ קליינער עפּיזאָד אין איר אַקטיאָרישער קאַריערע. ביי מיר איז בלויז געבליבן אַ פאָטאָגראַפיע פון יענער פאָרשטעלונג, און ווען כ'האָב זי אין יאָרן אַרום געוויזן הדסהן, איז עס געווען אַ אָנגענעמע דערמאָנונג. (שפּעטער איז אויך די פאָטאָגראַפיע פאַרפאַלן געוואָרן).

נאָר דאָס איז בלויז דרך אגב. ווי כ'האָב שוין דערמאָנט האָט הדסה שטודירט אין דער לאָדזשער פילם־און טעאַטער־שול, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען אין דער וועלט פון טעאַטער און קינאָ. פון דאָרט זענען אַרויס באַוווסטע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן, וועלכע זענען היינט באַרימט אין אייראָפּע און אין דער וועלט. הדסה האָט געבראַכט די טעאַטער־קולטור פון יענער שול אין יידישן טעאַטער א"נ פון אסתר רחל קאַמינסקי, ווו

זי האָט געשפּילט אַ געוויסע צייט ביזן פּאַרלאָזן פּוילן אין 1957־סטן יאָר. דאָ, אין יידישן טעאַטער, האָט די דערוואָרבענע וואָרט־קולטור און אויסשטודירטע אינטערפּרעטאַציע פון אַ דראַמאַטיש ווערק, זיך צונויפגעטראָפן מיט דער אינטויטיווער ספּאָנטאַנישקייט פון דעם יידישן אַקטיאָר, און אונטער דער שטרענגער און געניטער האַנט פון די רעזשיסאָרן אידאַ קאַמינסקי און יעקב ראָטבאַום איז אויפגעקומען אַ וווּנדערלעכע קריייציקונג פון אַן ערשטראַנגיקער אַקטריסע, אַזאַ ווי מיר האָבן זי שפּעטער געקענט און באַוווּנדערט - אונדזער הדסה קעסטין.

מיט וואָס האָט זי אַזוי אויסגענומען ביי אונדז און אומעטום אין דער יידישער וועלט, ווו נאָר זי איז אויפגעטראָטן? מען האָט ליב געהאַט זי צו זען און הערן נישט בלויז אין ישראל, ווו זי האָט אויפגעשטעלט איר היים נאָכן פּאַרלאָזן פּוילן, נאָר אויך אין ניו־יאָרק און, פאַרשטייט זיך, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין קאַנאַדע, פראַנקרייך בעלגיע און אויסטראַליע, אומעטום, ווו זי האָט געגרייכט מיט איר קינסטלערישן וואָרט.

זי האָט אויסגענומען דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור. זי האָט געוווּסט די געצוימטקייט און שפּאָרעוודיקייט פון דער אַקטיאָרישער קונסט, פאַרבונדן מיט דער עקספּרעסיווקייט פונעם וואָרט. מיט קאַרגע ריטמישע באַוועגונגען פונעם קערפּער, דאָס וואָס מען רופט אין ענגליש "באָדי לענגוויטש", האָט זי אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, כדי ער זאָל אַרויסקומען קלאָרער, ריינער און זאָל גרייכן צו דעם צושויערס נשמה.

געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס איז אַלץ אַזוי פּשוט. אייגנטלעך לייענט זי דאָך בלויז דעם טעקסט, אונטערשטרייכנדיק דאָ און דאָרט אַ וואָרט, אַ געדאַנק מיט אַ באַזונדערער אינטאָנאַציע. איין מאָל האָט זי מיר דערציילט, אַז חיים גראַדע האָט אין אַ געשפּרעך מיט איר געזאָגט: "הדסה, כ'האָט דיך געכאַפּט פאַר דער האַנט, כ'בין דערגאַנגען דעם סוד ווי אַזוי דו מאַכסט עס. אייגנטלעך קאָן איך אויך אַזוי. מען דאַרף זיך בלויז נישט אָפּשטעלן ביים סוף פון אַ שורה אין ליד, נאָר ממשיך זיין ביז עס ענדיקט זיך דער געדאַנק"... די קלוגע הדסה האָט פאַרשטאַנען גראַדעס שפּאַס. ער האָט גוט געוווּסט, אַז עס איז אַ סך, אַ סך מער, און הדסה האָט עס אים נישט געדאַרפט דערקלערן.




עס זיצן אין צענטער:
הדסה קעסטין און בינם העלער.

ווי אַזוי איז זי געקומען דערצו, הדסה, אַז זי זאָל ווערן איינע פון די בעסטע וואָרט־קינסטלערינס אויף דער יידישער בינע, אין איין ריי מיט אַ רחל האָלצער, דינה האַלפּערן און געציילטע אַנדערע, וואָס האָבן באַצויבערט דעם צוהערער? מיר רעדן נישט, נאַטירלעך, וועגן די מענער וואָרט־קינסטלער, ווי הערץ גראָסבאַרד און זיינס גלייכן.

ווי כ'האָב דערמאָנט האָט הדסה אָנגעהויבן איר

טעאַטער־קאַריערע אויף די "ברעטער" פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע. זי פלעגט אויך פון צייט צו צייט אויפטרעטן אין פוילישן טעאַטער. ווען זי איז געקומען קיין ישראל אין 1957־טן יאָר איז דאָרט דאָס יידישע טעאַטער געווען אין אַ קלאָגעדיקן מצב. פון צייט צו צייט פלעגט קומען אַ "סטאַר" פון אַמעריקע, צונויפנעמען אַ גרופּע אַקטיאָרן און שטעלן אַ פּיעסע מיט "געזאַנגע און טענצע", אַזוי ווי אַ מאָל אויף סעקאָנד עוועניו. און דער עולם, אַן אויסגעהונגערטער נאָך אַ יידיש וואָרט, איז געקומען אין טעאַטער. דער אַזוי גערופענער, "בעסערער עולם" האָט געדרייט מיט דער נאָז און איז אויך געגאַנגען זען אַ יידישע פאָרשטעלונג.

היינט איז פאַרשטייט זיך אַנדערש. דער יידישער טעאַטער אין תל־אביב "יידשפּיל" וואָס ווערט געשטיצט דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, שטייט אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ און פירט אויף פּיעסן פון קלאַסישן און היינטצייטיקן רעפּערטואַר. די אַקטיאָרן, מערסטנס אָפּשטאַמיקע פון רומעניע, וועלכע האָבן דאָרט געשפּילט אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער, זענען קוואַליפיצירטע שוישפּילער און באַציען זיך ערנסט צו זייערע ראָלן. זיי פאָרן אַפילו אַרויס אויף אינטערנאַציאָנאַלע פעסטיוואַלן.

נאָר דאָס איז היינט. אָבער דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, ווען כ'האָבט געהאַט באַזוכט מדינת ישראל צום ערשטן מאָל, ווי אַ טוריסט פון פּוילן, און זיך געטראָפן מיט הדסהן און זי געפרעגט צי זי שפּילט אין טעאַטער, איז איר ענטפער געווען - יאָ, אָבער... איך בעט דיך, גיי נישט זען די פאָרשטעלונג. איך שעם זיך... איך בין, נאַטירלעך, יאָ געגאַנגען, און... כ'האָב זיך אויך פאַרשעמט. נישט דערפאַר וואָס הדסה, אָדער די אַנדערע אַקטיאָרן זאָלן האָבן געשפּילט שלעכט, נאָר די גאַנצע פאָרשטעלונג, די פּיעסע און די רעזשי, אויב מ'האָט עס געקאָנט אַזוי אָנרופן, אַלץ צוזאַמען איז געווען נידעריקער פונעם כבוד פון יידישן טעאַטער. אָבער דער עולם איז געווען צופרידן, מ'האָט געפּאַטשט בראַוואָ, אבי הערן אַ יידיש וואָרט פון דער בינע.

פאַר הדסהן איז עס נישט געווען גענוג. לאַנג האָט זי נישט אויסגעהאַלטן, און זי האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענעם טעאַטער. אַ טעאַטער אָן דעקאָראַציעס, אָן גרים, אָן ליכט־עפעקטן, אָן מוזיק; אַ טעאַטער פון איין אַקטיאָר, ווו דער הויפּט־אַקצענט ווערט געלייגט אויפן קינסטלערישן וואָרט.

ניין, עס איז נישט געווען קיין קליינקונסט־טעאַטער, ווי טייל האָבן באַצייכנט אירע אויפטריטן, אָדער, זוכנדיק אַ קאַלאַמבור האָבן אַנדערע געזאָגט - עס איז נישט קליינקונסט, נאָר גרויסקונסט־טעאַטער. דער אמת איז, אַז עס איז נישט געווען דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. קליינקונסט־טעאַטער איז אַזאַ, ווו מיר הערן אַ סקעטש, אַ הומאָרעסקע. אַ ליד, אַ טאַנץ, ווו מיר האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרוויילן. און גרויסקונסט? דאָס איז האַמלעט מיט לאָרענס אָליוויע אין דער הויפּט־ראָל... אָדער קעניג ליר מיט מיכאָעלסן אין דער הויפּט־ראָל.

דאָס וואָס הדסה האָט אונדז געוויזן איז געווען דאָס הדסה קעסטין־טעאַטער. אַ טעאַטער פון איין אַקטיאָר געווידמעט די בעסטע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. אָט דעם טעאַטער וועלן מיר היינט האָבן די געלעגנהייט צו זען, און פאַרטראָגן וועט זי פאַר אונדז אירע באַליבטע מחברים: שלום עליכם, י.ל. פרץ באַשעוויס־זינגער, בינם העלער, מאַני לייב, דוד האָפשטיין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, און אַנדערע.

...יאָרן זענען פאַרביי נישטאָ מער בינם העלער, נישטאָ מער הדסה קעסטין. אָבער עס לעבט די דערמאָנונג וועגן זיי.

# צוויי ביכער

פון צוויי עקן וועלט האָבן מיר באַקומען צוויי יידישע ביכער, וואָס זענען אָקערשט אַרויס און באַווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור לעבט און געדייעט. ווילן מיר זיי דאָ אָפּמערקן באַזונדער, נישט סתם אין דער רובריק: "אָנגעקומען אין רעדאַקציע". איינס איז אַ לידער־בוך פון באַוווּסטן דיכטער **יוסף קערלערס** עזובן, צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן צו זיין פינפטן יאָרצייט, דורך זיין זון, דעם דיכטער און יידיש־פּראָפעסאָר דוב־בער קערלער. דאָס בוך איז אַרויס אין ירושלים, אָבער מיר האָבן עס באַקומען פון בלומינגטאָן, אינדיאַנאַ, ווו דוב־בער איז אַ לעקטאָר אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט. דער נאָמען פונעם בוך - **"דווקא איצט"** איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר יוסף קערלערס קעמפערישער נאַטור און זיין שטענדיק אַנגאַזשירטער פּאָעזיע. אָט וואָס דוב־בער קערלער דערציילט וועגן נאָמען פון בוך: "ווען ער (יוסף קערלער) האָט זיך אומגעקערט נאָך זיין באַפרייונג, סוף 1955, קיין מאָסקווע, האָט אים איינע פון די עלטערע "יידיש־סאָוועטישע" פּאָעטעטעס געראָטן: "איצט וועט איר און אייער דור שוין מוזן אָנהייבן שאַפן אויף רוסיש". זיין ענטפער איז געווען: "דווקא איצט וועל איך אויך ווייטער שרייבן און זינגען אויף יידיש! דווקא איצט!..."

דאָס איז געווען דעמאָלט. און דער **"דווקא איצט"** רופט זיך איבער מיט אַ קלינגעוודיקן עכאָ מיטן היינט, און וועט קלינגען אויך מאָרגן, אַזוי לאַנג ווי אַ יידיש ליד וועט זען די ליכטיקע שיין!

דאָס בוך האָט 127 זז' און איז איינגעטיילט אין זעקס אָפּטיילן: זוניקייט; דור הולך ודור בא; דווקא איצט; קורצע לידער בעת אַ לאַנגן וועג; מיט אָפענע אויגן; נאָענט פון ווייטנס, און אַ פּאָעמע "מיין זיידע - יאָסעלע בדחן".

יוסף קערלערס לידער האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער עכטער פאָלקסטימלעכקייט, זאַפטיקער אוקראַיניש־יידישער אידיאָמאַציק, לייכטן הומאָר, וועלכן ער האָט נישט פאַרלוירן אין די ערגסטע צייטן פון פאַרשיקונג אין סטאַלינישן קולאַג; פאַראַן אין זיי אַפאָריסטישע און פאַלעמישע עלעמענטן לגבי די פאַרלייקענער פון יידיש, און אַ לייכטיקער אָפּטימיזם, דורכגעפלאָכטן מיט האַרציקער ליריק, וועלכע האָט זיך באַזונדער צעבליט נאָך זיין עליה אין מדינת־ישראל.

אין ירושלים, ווו ער האָט געלעבט און געווירקט מיט זיין וואָרט און טאַט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז יוסף קערלער געווען דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל "ירושלימער אַלמאַנאַך", ווו עס האָבן געפונען אַן אָרט יידיש־שאַפערס פון גאָר דער וועלט.

* * *

דאָס צווייטע בוך, וואָס מיר ווילן דאָ דערמאָנען, איז פונעם מייסטער פון דער קורצער דערציילונג און מיניאַטור, **צבי אייזנמאַן**. דער נאָמען פון בוך איז אויך אַ כאַראַקטעריסטישער און זאָגט אונדז זייער אַ סך סיי וועגן מחבר און סיי וועגן דער צייט אין וועלכער דאָס בוך איז געשאַפן געוואָרן: **"די ווייזערס לויפן, לויפן..."** אַרויס איז דאָס בוך אין ה. לייוויק־פאַרלאַג אין תל־אביב אין יאָר 2006. צבי אייזנמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער ליטעראַרישער גרופּע "יונג־ישראל" וועלכע אברהם סוצקעווער האָט אָרגאַניזירט נישט לאַנג נאָך דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה. שוין דעמאָלט האָט אייזנמאַן זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָבסערוואַציע־פעיקייט, בילדערישער שפּראַך

און צמצם פון וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע קורצע שילדערונגען פון לעבן, געזען מיטן דורכדרינגלעכן אויג פון אַ קינסטלער. דעם דאָזיקן סטיל זיינעם, וואָס דערמאָנט אָפט אין ביבלישע אָדער אָריענטאַלישע מאָטיוון, איז ער געטריי געבליבן זינט זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. זינט יענע ערשטע טריט האָט צבי אייזנמאַן אַרויסגעגעבן זעקס ביכער, פון וועלכע אַלע זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין עברית און אייניקע אויך אין ענגליש און פויליש.

צבי אייזנמאַן לעבט אין אַ קיבוץ, דאָרט איז ער געקומען ווי אַ יונגער עולה נאָכן חורבן פוילן, דאָרט איז ער רייף געוואָרן ווי אַ שרייבער, און דאָרט אָבסערווירט ער איצט, אויף דער עלטער, ווי "די ווייזערס לויפן, לויפן..." ער ווייסט, דער אַלט־יונגער קלוגער מאַן, אַז קיין סך צייט איז נישט געבליבן, באַלד וועלן די ווייזערס ווייזן צוועלף. אָבער דאָס לעבן גייט ווייטער, אַנטוויקלט זיך, ווי דער מענטשן־בוים אין זיין דערציילונג אונטערן זעלבן נאָמען, וועלכער "באַדעקט זיך מיט אַ נייעם דור בלעטערוואָרג און אַזוי וועט עס זיך ציען פון אייביק ביז אייביק".

דער "מענטשן־בוים" איז נישט קיין אויסנאַם אין צבי אייזנמאַנס דערציילונגען און בילדער. נאַטור־דערשיינונגען דינען אים אָפט ווי מעטאַפאָרן פאַר מענטשלעכע האַנדלונגען, און זיי קומען אַרויס רעליעפער, בולטער, אַט ווי אין אַ בילד פון אַ גאָט־געבענטשטן מאָלער, ווו די נאַטור לעבט צוזאַמען מיט די אַרויגעבראַכטע געשטאַלטן, און אָפט מאָל מיט איר אייגן געשטאַלטיקט לעבן.

די עטלעכע און דרייסיק קורצע "דערציילונגען און בילדער" זענען איינגעטיילט אין דריי חלקים: דער ניגון און דאָס וואָרט; צווישן די רעדער פון לעבן; און די גילדענע עלטער. סיי אין די גרעסערע דערציילונגען (גרעסער באַטייט ביי אייזנמאַנען בלויז עטלעכע זייטלעך), סיי אין די קורצע "בילדער" איז ער אין שטאַנד אין אייניקע געפרעסטע זאַצן אַרויסברענגען אַ לעבן וואָס איז געווען און פאַרגייט. די ווייזערס לויפן, לויפן... "ער – אַן אַכציער־יאָריקער, גייט מיט אַ שטעקן. זי – אַן אַכציק־יאָריקע, גייט מיט אַ שטעקן. צוויי שטעקנס האָבן זיך באַגעגנט אויף איינעם פון די שמאָלע גאָרטן־טראָטואַרלעך, וואָס רינגלען אַרום דעם בית־אבות". (ראָמאַנצעראָ").

אַלע דערציילונגען און בילדער אין אייזנמאַנס נייעם בוך זענען באַהויכט מיט אַ קלוגן בליק פון אַן אינערלעך אויג און אַן אייגנאַרטיקן ריטעם, ווו לשון, קלאַנג און פאַרב מישן זיך צונויף און שאַפן אַ שטילע סימפאָניע.

* * *

ביידע דערמאָנטע ביכער זענען אַ שיינע מתנה דעם יידישן לייענער און זיי באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור. ווייטער ברענגען מיר אַ פראַגמענט פון יוסף קערלערס פאָעמע "מיין זיידע יאָסעלע בדחן", און צבי אייזנמאַנס קורצע דערציילונג "דער פויגל", פונעם בוך "די ווייזערס לויפן, לויפן..."

יוסף קערלער

# אָמר יאָסעלע

אָמר יאָסעלע בדחן פון דאַשעוו:
״און וועט איר זיין פאַרכעס
און לאַנג נאָך קיין שימחות ניט פּראַווען,
בין איך מיר מישב
און גיב מיר אַן עצה-
אַ זעקל, אַ שטעקל,
די פיס אויף די פּלייצעס,
און גיי מיר פּאַוואָליע
פון שטעטל צו שטעטל...

אַז ווייל איז דעם וואָגלער אויף שליאַכן פּאָדאָליער,
די נעץ און די קעלט זיינען לאַנג שוין אַנטלאָפן
דעריאָגן דעם ווינטער.
דער וואַרעמער הימל איז לויטער און אָפן
און לאָשטשעט די מענטשן ווי אייגענע קינדער,
סע בלישטשען די פרישינקע גרעזלעך פון נחת,
די שוועלבעלעך צוויטשען, די קאַליוזשעס לאַכן,
ס׳איז גוט אויפן האַרצן, און ס׳פלעכטן זיך לידלעך,
סע פעלט נאָר צום רומל אַ שמחה ביי יידן...
פון דאַשעוו קיין הייסין, פון הייסין קיין בערשאַד...
ס׳אַנטלויפן פון אונטער די פיס דיר די ווערסטן,
און טרעפסטו אַ פויער, וואָס גייט ביי דער סאָכע,
דו טראָגסט אים אַנטקעגן אַ האַרציקע ברכה:
- דיען דאָברי, באָך וו׳פּאָמאָטש, וואָס מאַכסטו, מיקיטע?
נאָר קום איך - מע וווּנדערט זיך פשוט געפערלעך:
- וואָס איז עפּעס, יאָסעלע, מיצקע דערינען?
- - -
ס׳איז, הערט איר, אַ פּנים, אַ ביסעלע שווערלעך
ביי אונדזערע יידן אַ שימחה געפינען.״

* * *

- וואָס מאַכסטו דען, יאָסעלע, ווייז איז דער מאַמען,
- איך לאַטע דעם יידישן דלות מיט גראַמען;
ווי ס׳לאַטעט דער שוסטער צעריסענע שקראַבעס,
די וואָך טו איך לאַטען מיט שטיקעלעך שבת.

- ס׳איז עפּעס אַן עסק דעם עולם צו קיצלען,
אַ ייד מיט אַ באָרד און איז פעיק אויף שפּיצלעך,
אויף שפּילעכלעך, טענצלעך און ווילדע העוויות
און ווו איז דער תכלית דען, זונעניו טרייער?

- אוי, מאַמעניו, האָסט מיך אַזאַ שוין געבאָרן,
איך וואָלט פון געלעבטער צעשפּרונגען געוואָרן,
ווען כ'קוק אויף דער וועלט און איך וואָרג זיך מיט טרערן...
אַ גליק, וואָס אויף חתונות לאָז איך מיך הערן.

איך פליק מיר דאָס האַרץ אויף קאַלירזקע בענדלעך
און וואַרף אינעם עולם, ווי גילדענע רענדלעך,
די פריילעכע גראַמען...
אוי, מאַמעניו־מאַמע!

- און ווו איז דער תכלית?
- אָט הערסטו דאָך טאַקע.
איך פרעג ביי דער וועלט, און זי ענטפערט - אַ מכה!
- אַ דאַנק. - זאָגט ער - יאָסקע, ווי שטענדיק, ס'איז ביטער.
ניטאָ שוין קיין כוח די ליאַמקע צו שלעפּן,
ס'איז קראַנק די כודאָבע און שיטער דאָס טעפּל...
- עך, עך, טשעלאָוויטשע, ביי אונדז איז דאָס זעלבע.
ביי אונדז קרענקען ציגן, ביי אייך קרענקען קעלבער,
- אַ יאַק זשע פּרנסה? - פרעגט ביטרע מיקיטע.
- פּרנסה? - בעזנאָסע! דער קרופּניק איז שיטער...
- אַ שעפּסליאַ? - מיט שעפּסעלען שטעכט ער די אויגן.
דיין פריץ איז - פרעג איך - אַ שענערער פויגל? -

אַ רענדל אַרויף און אַ רענדל אַראָפּ
און ס'איז דאָ דער סך־הכל:
- דאָס לעבן איז, הערסטו, ניט ווערט קיין פּיטאַקל.
- אָ, מאַך איך - איצטער האָסטו מיך פאַרשטאַנען,
אין מקח זיך אויסגעגלייכט, קאָן מען שוין שפּאַנען.
- בוואַי מיר! - און ווייטער אין וועג זיך געלאָזן.

מיט ריחות פון סאָסנע די ווינטעלעך בלאָזן,
די לופט אַ רפואה פאַר קאַליקע לונגען,
איך וואָלט ווי אַ פיש מיטן מויל זי געשלונגען.
און ס'פאָכען וויטראַקעס פאַרביי מיט די פליגל,
און דערפעלער שווימען אַוועק ווי אַ ניגון,
ס'אַנטלויפן דאָך ממש די פריילעכע ווערסטן
פון דאַשעוו קיין הייסין, פון הייסין קיין בערשאַד...

- צי ווייסט איר, ווו דאַרף מען אַ חתונה שפּילן,
ס'וויל יאָסעלע בדחן ניט פעלן, חלילה,
אָט פּלאַץ איך פון מיינע געפּעפּערטע גראַמען,
צי ווייסט איר אַ שימחה, איך זאָל ניט פאַרזאַמען?

אַ שטעקל, אַ זעקל, איך גיי מיר פּאַוואָליע -
אַז וויל איז דעם וואָגלער אויף שליאַכן פּאָדאָליער...

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# דער פויגל

מען האָט מיר דעם פויגל געבראַכט אַהער פון יענער זייט וואַסער, פון יענער זייט וועלט, פון אורוועלדער דורכגעזעצטע פון רעגנס און זומפן, פון טונקעלע הויך־ביימערדיקע געדיכטעניש, ווו עס נעסטיקן פייגל פון זיין שטאַם.

מיין פויגל האָט אַ לאַנגן עק, אַ קרומען שנאָבל, אַ קרוין אויפן שפּיץ קאָפּ און צווי אויגן וואָס לאָזן זיך ניט אָפּנאַרן און זענען שטענדיק וואַך. די פּעדערן זיינע – אַ געשאַנק פון גאָט: בלוי און גרין, רויט און געל, און ווי אויף אַ באַפעל בייטן זיך די קאָלירן, געווענדט אין די שעהען פון טאָג, לויטן גאַנג פון דער זון. אַ גאַנצן טאָג גלאַנצן זיי, נאָר אין די ערשטע אָוונט־שעהען זעען זיי שוין אויס ווי פאַרוועלקט. נישקשה, מיטן ערשטן זונענשטראַל וואַכן ווידער אויף די קאָלירן און ס׳איז ווידער שווער צו זאָגן וועלכער קאָליר איז שענער. אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער פאַרמאָגט זיין חן.

* * *

מיין פויגל איז געבענטשט מיט לשון. ס׳איז צו באַוווּנדערן זיין כוח הדיבור, און רעדן רעדט ער יידיש, אַ היימיש יידיש, אַ ביסל קוויטשעדיק, אַ ביסל כריפּעדיק, אָבער איך פאַרשטיי אים, און ער פאַרשטייט מיין פּויליש יידיש. ער דערקענט רעדט דעם ליטווישן דיאַלעקט.

ער וויל ניט זאָגן פון וואַנען ער האָט געירשנט די שפּראַך. ער דרייט אַוועק פון מיר זיין באַקריינטן קאָפּ, איך זאָל ניט קענען אַריינקוקן אין זיינע געלע אויגן, וואָס מינוטנווייז ווערן זיי רויט.

איך פרעג ניט מער, אָבער טייל מאָל, אין מיטן נאַכט, אין מיטן שלאָף, הער איך ווי מיין פויגל רופט מיט אַ געביטענער שטים עפּעס אַ נאָמען, וואָס איז ענלעך אויף "רבקהלע", און נאָך אַ פּויזע שוין דייטלעכער – "רבקהניו! ווי צו דער מאַמען, זיי האָבן דיך דערשאָסן, געקוילעט, אין גרוב געוואָרפן, שוועלבעלע מיין!"

דער פויגל האָט אָפּגעהאַקט. ער האָט זיך קענטיק דערשראָקן פאַר זיין אייגן קול, וואָס איז געווען זיינט און ניט זיינס. אַ קול – אויסגעוויקט פון טרערן רופט דורך זיין שנאָבל, זיין גאָרגל, איר פאַרפייניקט מיידעלע "רבקהניו!" דאָס רופן צערייסט אויף שטיק־שטיקלעך דעם חושך און איך זוך אַ באַהעלטעניש אונטער דער קאָלדרע.

די נאָר וואָס אַרויסגעשליידערטע רייד פאַרמאַטערן אים. ער גיט אַ ציטער מיט די פליגל. זיי צעשפּרייטן זיך ווילד, טוען אַ בהלהדיקן פלאַטער און פאַלן אַרונטער אָן כוחות.

ווען איך פרעג אים אויף צו מאָרגנס: וואָס חומט זיך דיר? – דרייט ער אַוועק זיין געקריינט קעפּל אַ דערשראָקענער, אַ פאַרווירטער פון מיין צודרינגלעכקייט:

– וואָס פלוצעם חלום? ווער חלום? וואָס עפּעס פרעג איך אים אַזעלכע מאָדנע פראַגעס? ווער גילגול? וואָס נשמה? ער ווייס ניט וואָס איך וויל פון אים.

ער גיט אַ פלי אַראָפּ פון מיין אַקסל, שטעלט זיך אויפן ראַנד פון טיש, ווו עס שטייט פאַר אים אָנגעגרייט אַ כלי מיט וואַסער, און ער טרינקט, און ער טרינקט, ווי ס׳וואָלט אויסגעבראָכן אַ שרפה אין זיינע געדערעם.

ווען דער פויגל האָט זיך באַוויזן אין מיין מוטנער שטוב, האָבן די שטולן, דער טיש, די ביכער אויף די פּאָליצעס, די פאַרפרוירענע טעפּ און טעלער, די פאַרהאַנגען

אויף די פענצטער זיך פלוצעם דערוועקט פון זייער דרימל. בלויז דאָס פֿאַרגרעסערטע בילד פון מיין טאַטע און מיין מאַמע (אָפּגעראַטעוועט פון יענעם פייער) איז געבליבן פֿאַרגליווערט ווי פריער. זייערע פנימער וועלן שוין בלייבן שטום ווי לאַנג איך וועל לעבן.

פון ווען דער פויגל איז ביי מיר אין שטוב, אַרט מיך ניט וואָס עס גייען אַוועק טעג און וואָכן, און קיינער עפנט ניט די טיר. פון זינט דער פויגל איז דאָ, גרייט איך דעם שבתדיקן טיש מיט צוויי ליכט אין די לייכטער. די שבת־ליכט לייכטן מיר אַריין אין פנים און די שבתדיקע חלה טוט מיר צו וויסן, אַז אַפילו ווען מען איז אין גאַנצן אַליין, מעג מען און מען דאַרף טאַקע בענטשן און זינגען זמירות. עס איז פֿאַראַן (אַזוי פֿאַרזיכערט מיך די חלה) ווער עס זאָל הערן. די ווענט האָבן אויערן, די שטילקייט פֿאַרשטייט און דאָס געזאַנג דערגייט אַזש ביז די הימלדיקע טויערן.

* * *

דאָ אַנומלט בין איך מיט מיין פויגל, מיט דעם געטרייען נפש, אַרויס אין גאַס. כ'בין געווען גליקלעך וואָס איך גיי ניט אַליין און דער פויגל באַגלייט מיך. איך שפּרייז מיט מיין פויגל אויפֿן אַקסל אַזוי געמיטלעך, און אָטעם איין די ריינע פרימאָרגן־לופט, דעם ריח פון פריש געבעקס. מיין געמיט איז אויפגעלייגט ווי קיין מאָל ניט. כ'האָב זיך ניט פֿאַרגעשטעלט אַז עס קאָן מיר עפּעס שלעכטס געשען אין אַזאַ לויטערן טאָג. נאָר דאָס וואָס כ'האָב ניט געאַנט איז געשען. כ'האָב ניט געפילט ווען און ווי אַזוי, נאָר אַז כ'האָב מיין פויגל אַ רוף געטאָן, געוואָלט אים עפּעס פרעגן, האָב איך זיך ערשט אַרומגעזען אַז ער איז מיר נעלם געוואָרן.

אַ צעטומלטער בין איך געלאָפן אויף צוריק און פאָרויס, און ווידער אויף צוריק, און גערופן און געשריען אַ באַנומענער:

– ווו ביסטו, פויגל מיינער?! רוף זיך אָפּ. קום אַראָפּ! כ'וועל עס ניט אויסהאַלטן!

כ'האָב זיך געבעטן ביי די דורכגייערס:

– גוטע מענטשן, העלפט מיר אָפּזוכן דעם פויגל. ער איז נאָר וואָס געווען דאָ, ביי מיר אויפֿן אַקסל. ניטאָ נאָך אויף דער וועלט אַזאַ איינער, אַזאַ קלוגער פויגל!

מען האָט מיך אָנגעקוקט. מען האָט געקוקט אויף מיר מיט שטוינונג, טייל מיט אַ שמייכל. אַנדערע האָבן אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און זיך שנעל דערווייטערט.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָב איך זיך אַהיימגעשלעפּט. ווי אַזוי וועל איך איצט לעבן אָן דעם פויגל? אָן אים וועלן די פיר ווענט פון מיין פּוסטער דירה מיר אויסזויגן דעם מאַרך פון די ביינער. קיינער, קיינער קאָן ניט פֿאַרשטיין מיין בראָך, מיין שרעק. ווי אַזוי וועל איך קענען אָפּשטופּן די טעג? די נעכט וועלן זיך אין מיר נוקם זיין און פֿאַרטרייבן דעם שלאָף פון מיינע אויגן.

* * *

געקומען אַהיים, אַרויפגעקלעטערט די טרעפּ, און ווער וואַרט אויף מיר? מיין פויגל... דאָס האַרץ איז מיר שיער ניט אַנטרונען. די אויגן זענען מיר שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען. כ'האָב דעם פויגל אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס. כ'האָב אים געדריקט צו זיך און געקושט זיינע פעדערן:

– ווו ביסטו געווען, ווו ביסטו געווען? – האָב איך אָן אויפהער געשטאַמלט. דער פויגל האָט געשוויגן. ערשט ווען כ'האָב אויפגעשלאָסן די טיר און זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט ער זיך אָנגערופן:

– רודער ניט אַזוי. זעסט דאָך אַז כ'בין דאָ. פֿרעג מיך ניט וואַהין עס האָט מיך פֿאַרטראָגן. כ'וועל עס דיר ניט זאָגן. מאַך ניט קיין רעש. זעסט דאָך אַז כ'בין דאָ. עס פֿעלט ניט קיין איין פֿעדערל פֿון מיין קריינדל, טאָ מאַך ניט קיין רעש. אַנשטאָט צו פּאַכען מיט דער נשמה, גרייט מיר בעסער אַ טעלער מיט ניס און אַ זופּ וואַסער, און פֿאַרגעס וואָס ס'איז געווען.

די אַלע ווערטער מיט די שאַרפֿע ריישן און כאָרכלענדיק־הייזעריקע כאָפּן האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אָן אַן איבעררייס. געווייַנטלעך, איז זיין קול אַ ביסל קוויטשענדיק, קוויטשענדיק, אָבער געלאַסן. מען פֿילט אַז דאָס רעדן קומט אים ניט אָן אַזוי גרינג, נאָר ווען ער איז אויפֿגעבראַכט, צערודערט, אַרויסגעשטויסן פֿון זיין פֿויגלישן גלייכגעוויכט, ווערט זיין שטים הייזעריק און לאָזט זיך הערן ווי פֿון דער ווייט.

* * *

ווען כ'האָב אין איינעם אַ פֿרימאָרגן זיך אויפֿגעוועקט און ניט געהערט דאָס געוויינטלעכע גערודער וואָס מיין פֿויגל מאַכט ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף און קנאַקט ניס פֿון אַ שיסל, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס איז געשען, און ווען כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די הייסע פֿיס אויפֿן קאַלטן דיל, און מיט נאָך צוגעמאַכטע אויגן געזוכט די שטעקשיך, האָב איך שוין געוווסט אַז דאָס אומגליק איז גרויס, אַז דאָס מאָל איז מיין אומפֿאַרבייטלעכער חבר אַוועק פֿון מיר אויף שטענדיק. עס האָבן זיך געענדיקט די "זיבן גוטע יאָר". מיין פֿויגל וועט זיך מער ניט באַווייזן און מיט זיין הייזעריק געוואָרענער שטים ביך מוסרן:

– רודער ניט אַזוי. זעסט דאָך, אַז כ'בין דאָ!

כ'האָב געפֿונען די שיסל מיט די ניס און דאָס טעפּל וואַסער ניט אָנגערירט. אַלץ איז געווען ווי געווען, נאָר דער פֿויגל איז נישטאָ, אַנטרונען געוואָרן. בלויז אַ פֿעדער פֿון זיין קאָלירִיקן עק איז פֿאַרבליבן, דער איינציקער עדות אַז דאָ איז געווען אַ מאָל אַ פֿויגל.

דער פֿויגל איז נעלם געוואָרן, ווי עס ווערט נעלם אַ פֿאַרטאָגיקער נעפּל, ווי עס צעגייט דאָס אייז אויף דער שויב ווען עס באַקומט דעם ערשטן קוש פֿון דער פֿרילינגדיקער זון.

די טיר איז געווען פֿאַרשפּאַרט. דאָס פֿענצטער – צוגעמאַכט. די פֿאָרהאַנגען – פֿאַררוקט, נאָר מיין פֿויגל – פֿאַרצוקט און אויס. בלויז די פֿעדער איז געבליבן. בלויז די פֿעדער! די שטובזאַכן האָבן זיך געשאַרט צו די ווינקלען און זיך שטיל געסודעט, נאָר די פֿעדער מיט אירע קאָלירן איז געבליבן ליגן און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. די פֿאַרבן זענען בילסעכווייז פֿון איר אויסגערונען, ווי ביי אַ מסוכן־קראַנקן זיין לעצטער דעך.

כ'האָב די פֿעדער געוואָלט אויפֿהייבן, צודריקן צו זיך – איז זי מיר פֿון צווישן די פֿינגער אַנטלאָפֿן. כ'האָב איר נאָכגעיאָגט און זי געוואָלט כאַפּן. אין שטוב איז געווען טויט שטיל. בלויז דאָס קלאַפּן פֿון מיין האַרץ האָב איך געהערט.

צום סוף איז די פֿעדער ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אויסגעוועפּט זיך, ווי עס וועפּט זיך אויס דער אַראָמאַט פֿון אַן אָפּגעעמען פֿאַרפֿום־פֿלאַקאָן. די שטוב איז צוריק איינגעזונקען אין איר פֿריערדיקער מרה־שחורה, וואָס נעמט אַוועק דעם חשק זיך אָנטאָן, גיין אין גאַס און קומען צווישן מענטשן.

# ברוך מרדכי ליפשיץ ("מאָטל דער שוחט") און זיינע "זכרונות פון גולאַג"

פון יענער וויסטער צייט איז שוין פאַרלאָפן מער פון 70 יאָר. אין די לאַגערן פון דער סאָוועטישער רשעות־אימפעריע זענען פאַרניכטעט געוואָרן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי אַן ערך פון 1 מיליאָן יידן. די מערהייט - קראַנקע און אויסגעמאַטערטע - זענען פון דאָרטן אין גיכן אַוועק אין עולם האמת. דער מיעוט לעבן געבליבענע, ניט געקוקט אויף די צענדליקער שוין פאַרלאָפענע "פרייע" יאָרן, האָבן עד היום זיך ניט באַפרייט פון די סיגופים, פון די פסיכישע טראַוומירונגען און מאָראַלישע דערנידערונגען, וועלכע זיי האָבן איבערגעטראָגן אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען אין "גולאַג". די מעגלעכקייט נאָך דער באַפרייונג אַדורכצוגיין אַ טיפן קאַטאַרזיס (אַן "אונטערבאַוווסטזיניקע ווידעראיבערלעבונג") - סיי אַ מעדיצינישע, סיי אַ קינסטלעכע). האָט פאַרלינדערט זייערע וויטיקן און פאַרצויגן מיט אַ הייטל בלוטיקע וווּנדן, באַקומענע בעת די גרויזאַמע אויספאָרשונגען און בעת דער עבודת פרך אין די שבעה מדורי סאָוועטישן גיהנום.

טאַקע דערפאַר האָט נאָך דער באַפרייונג זיך באַוויזן אַ גרויסע ליטעראַטור פון די ניצול געוואָרענע - זכרונות וועגן דעם איבערגעלעבטן.

דאָס לעצטע, נאָרוואָס דערשינענע בוך איז פון אַ ביז גאָר פרומען ליובאַוויטשער חסיד, אַ צוגויפשמעלצער פון מעטאַל־ברוכוואָרג, ברוך מרדכי ליפשיץ, געבוירן אין קיעוו (1916)אין אַן אָרימער חסידישער פאַמיליע. צו 6 יאָר האָבן זיינע עלטערן אים אָפּגעגעבן לערנען אין אַן אונטערערדישן חדר. דער מלמד איז אין גיכן געכאַפּט געוואָרן. און דער חדר איז ליקווידירט געוואָרן. דעם מלמד האָט מען אַרעסטירט און דעם תלמיד האָבן די יעווסעקציע און די אַנדערע אָפיציעלע אָרגאַנען גענומען באַאַרבעטן ער זאָל אויפהערן פאַרנעמען זיך מיט "שעדלעכער טעטיקייט" און איינצייטיק העלפן די זיכערהייט־אָרגאַנען אויפדעקן די אַנדערע אונטערערדישע חדרים, ד"ה - ווערן אַ מסור. אויב ער וועט זיך ניט צוהערן צו זייערע רעקאָמענדאַציעס, וועט ער "פאַרשיקט ווערן אַהין, פון וואַנען מען קערט זיך ניט אום צוריק". אויף דעם האָט דער 21־יאָריקער ברוך מרדכי ליפשיץ געענטפערט, אַז ער וועט קיין מאָל נישט פאַרראַטן די יידישע תורה, און קיין מסור וועט ער ניט ווערן.

די מחבלים האָבן אים אַרעסטירט. נאָך די אכזריותדיקע אויפסאָרשונגען, באַגלייטע מיט מכות רצח, ווערט ער פאַרשיקט אויף 7 יאָר קאַטאָרגע קיין קאָלימאַ, ווו ס'איז אייביק ווינטער. די לופט־טעמפּעראַטור איז דאָרט שטענדיק - 50 גראַדוסן. די ערד איז אייביק פאַרפרוירן - גראָבן זי און באַאַרבעטן איז ניט מעגלעך. דאָס עסן פאַר די וואָס אַרבעטן און פילן אויס די "נאָרמע", איז זייער בצמצום. די אַנדערע באַקומען נישט קיין שפּייז. פאַר מינדסטן ניט פאָלגן (דאַוונען, זיך אָפּזאָגן פון אַרבעטן אין שבת, פאַר אָפּהיטן כשרות) פלעגט מען ד.מ. ליפשיצן אַריינוואַרפן אין "קאַרצער" (אַ קאַלטער איזאָלירטער קעלער אָן ליכט, ווו דער קרבן באַקומט נאָר 1 מאָל אין אַ מעת־לעת אַ שטיקל ברויט און אַ גלאָז קאַלטע וואַסער).

פון הונגער, קעלט און פאַרשיידענע קראַנקהייטן אין דעם לאַגער, אין וועלכן עס האָט געקירצט די יאָרן ר' מרדכי ליפשיץ, פלעגן אויסהויכן זייערע נשמות צענדליקער גולאַג קרבנות. און היות די ערד איז געווען שטאַרק פאַפרוירן, איז אויסגראָבן קברים געווען אוממעגלעך. די מתים פלעגט מען פשוט אַראָפּוואַרפן אין דער זייט פון וועג און

די וואַדל-חיות פלעגן זיי אויפפרעסן. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט מענטשלעכע ביינער און סקעלעטן. יעדעס מאָל ווען ברוך מרדכי האָט דאָס געזען פלעגט "אויסשרייען אין מיין קאָפּ" (...) "רבונו של עולם, האָב רחמנות, ברענג מיך צו קבר ישראל" (...), די רשעים זאָלן מיט מיר ח"ו ניט אָפּטאָן, וואָס אין תהילים שטייט "נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף, בשר חסידיך לחיתו ארץ", ווי זיי טוען דאָס מיט די דאָזיקע מתים, אַרויסוואַרפנדיק זיי פאַר די חיות פון וואַלד. "איך טראַכט שוין נישט וועגן דעם דורכלעבן דעם לאַגער און אויפשטעלן אַ משפחה; וואָס לעבן? ווער משפחה? כאָטש קומען צו קבר ישראל און ליגן צווישן יידן".

נאָך דער באַפרייונג קערט ער זיך אום אין דעם אַנטיסעמיטישן קיעוו. דאָרט דערוווסט ער זיך, אַז די גאַנצע משפחה איז אומגעקומען אין באַבי יאַר, ער קלייבט זיך אַריבער קיין מאָסקווע, און ווערט אָנגענומען. אין דער נייער מאָסקווער ליובאַוויטשער ישיבה, וועלכע ער פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג און פאָלגנדיק די רעקאָמענדאַציע פון דעם ליובאַוויטשער הויפּט-רבי, (רבי יוסף יצחק שנייערסאָן) פאַרענדיקט ער די געהעריקע קורסן און באַקומט סמיכות אויף ווערן אַ שוחט און אַ מוהל. מען שיקט אים קיין לעמבערג, פרונזע, כאַרקאָוו. נאָר אומעטום האַלט איבער אים אַן אויג די נקווד. נאָך פאַרשיידענע מכשולים קומט ער קיין מאָסקווע. ניט איין מאָל האָט ער געטרוימט זיך אַריבערציען קיין ניו-יאָרק, אָבער דער ליובאַוויטשער רבי האָט אים ניט דערלויבט פאַרלאָזן די שטאַט, (אפילו אויף עטלעכע טעג בייזיין אויף דער טאָכטערס חתונה) אַזוי לאַנג ביז ער וועט ניט געפינען אַ שטעלפאַרטרעטער - אַ שוחט און מוהל - אויף זיין אָרט.

אין 1993 האָט דער ליובאַוויטשער רבי דערלויבט מאָטל דעם שוחט עמיגרירן קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט זיך באַזעצט אין דעם ליובאַוויטשער רבינס שכונה אין קראַון הייטס, ברוקלין, ניו-יאָרק.

מאָטל דער שוחט איז שוין אַלט 85 יאָר. ער איז שוין אַ זיידע און אַן עלטער-זיידע און פאַרבלייבט טעטיק עד היום. עס איז צו באַוווּנדערן זיין זכרון און זיין חסידיש-יידיש לשון, זיין מסירת-נפש פאַר דער יידישער אמונה. ניט יעדער ייד האָט אויסגעהאַלטן די פאַרפאָלגונגען פון דער קאָמוניסטירישער מאַכט. אייניקע זענען געוואָרן מוסרים און האָבן געהאָלפן די מאַכט-אָרגאַנען אויסראָטן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער קולטור.

דאָס בוך איז אָנגעשריבן ווי אַ מגילת אש אין אַ געשמאַקן חסידישן יידיש. מאָטל דער שוחט אין זיין בוך לערנט אונדז, וויאַזוי מען קאָן און מען באַדאַרף קעמפן פאַר דער יידישער אידענטיטעט, אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען. דאָס מערסטע פון די באַשריבענע "זכרונות" קאָן דינען אַלס קוואַל פון יידיש-היסטאָרישער אינפאָרמאַציע פאַר דעם יידישן אַמעריקאַנער לייענער און ספּעציעל פאַר די, וואָס זיי אַליין ( אָדער פאַר די וואָס זייערע עלטערן און אור-עלטערן) זענען געקומען פון געוועזענעם ראַטן-פאַרבאַנד.

פאַר דעם אַלץ קומט דעם מחבר אַ ישר כוח. נחת פון קינדער, אייניקלעך און אוראייניקרלעך עד מאה ועשרים.

**מ.וו.**

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **יוסף קערלער**: "דווקא איצט", פון די לעצטע און אַנדערע לידער. צוגעגרייט צום דרוק: דוב־בער קערלער פאַרלאַג "ירושלימער אַלמאַנאַך" 2005, 128 זז'.

* **צבי אייזנמאַן**: "די ווייזוערס לויפן, לויפן..." דערציילונגען און בילדער. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 2006, 138 זז'.

* **משה דוד חייט**: "דוכאָם ניע פאָווּשיע" (זיי האָבן דעם מוט נישט פאַרלוירן), איבערגעזעצט אויף רוסיש: **ש. זינגער**. אַרויסגעגעבן דורך "בית־לייוויק". תל־אביב 2006, 224 זז'.

* **ברוך מאיר ליפשיץ** (**מאָטל דער שוחט**): "זכרונות פון גולאַג". 224 זז', מיט אַריגינעלע בילדער פון גולאַג.

*"**לעבנס־פראַגן**", סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק. געזעלשאַפט און קולטור, יאַנואַר־פעברואַר 2006, תל־אביב, רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

*"**יוגנטרוף**", אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, אויגוסט־דעצעמבער 2006, ניו־יאָרק. שעף־רעדאַקטאָר: **לאה ראָבינסאָן**. דאָס איז דער הונדערטסטער נומער פונעם זשורנאַל, אַרויס אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרעם מיט אַ רייכן אינהאַלט.

* "**יידישע העפטן**", פעברואַר 2006, פּאַריז. רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט.

* "**דאָס יידישע וואָרט**" (Slowo Zydowskie), ייִדיש־פּוילישע צייטשריפט, אַרויסגעגעבן דורך דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **געגיע בערגער**; רעדאַקטאָר פון פּוילישן טייל: **זביגניעוו סאָפּיאַן**. דער נומער איז טיילווייז געווידמעט 55 יאָר פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן און 35 יאָר סצענישע טעטיקייט פון איצטיקן טעאַטער־דירעקטאָר **שמעון שורמעי**.

* "**צופּ פונקט**", סעפּטעמבער־אָקטאָבער 2005, יידיש פון גרויס־וואַשינגטאָן. צווייַ־שפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**; רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**.

## כראָניק פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס
### ווינטער 2005 – פרילינג 2006

* זונטיק דעם 12־טן אָקטאָבער: פייערלעכע עפענונג פונעם קולטור־סעזאָן. אַ חשובער גאַסט פון ישראל – **דניאל גלאי**, שרייבער און קאָמפּאָזיטאָר, פאָרזיצער פונעם פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן, האָט גערעדט אד"ט "אַלט־נייע קלאַנגען אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער מוזיק".

* זונטיק דעם 30־סטן אָקטאָבער: **פסח מאַלעוויטש**, לערער און יוגנטרוף־טוער, לעקציע אד"ט "מאָלי פּיקאָן – דאָס לעבן פון אַ יידישער אַקטריסע".

* זונטיק דעם 20־סטן נאָוועמבער: **יעקב באַסנער** – "די וועלט פון שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער.

* זונטיק דעם 4־טן דעצעמבער: אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, די דיכטערין **טרוים הענדלער** האָט גערעדט אד"ט "דריי פרויען אין לעבן פון מאָלער מאַרק שאַגאַל.

* זונטיק דעם 18־טן דעצעמבער: דעדיקאַציע פון דער ביבליאָטעק א"נ פון דער שרייבערין און געזעלשאַפטלעכע טוערין **שרה ליינער** ז"ל. אויף דער פייערלעכקייט איז אַנוועזנדיק געווען די גאַנצע ליינער־משפּחה בראש מיט דעם 102־יאָריקן עסקן און

פילאַנטראָפּ שמחה ליינער. אַ רייכער מוזיקאַלישער פּראָגראַם פון יידישע און העברעישע לידער איז אויסגעפירט געוואָרן דורך ליסאַ וואַנעמייקער.

* זונטיק דעם 22־סטן יאַנואַר 2006: לעקציע פון לילקע מייזנער אד"ט "דער יידישער היסטאָרישער גאַנג דורך דורות" - וועגן דעם ווערק פונעם יידיש־פּראָנצויזישן שרייבער מאַרק האַלטער א"נ "דאָס בוך פון אברהם".

* זונטיק דעם 5־טן פעברואַר. צום 90־סטן יאָרצייט פון י.ל. פּרץ האָט דער אַקטיאָר יעקב לעווין קינסטלעריש פאָרגעלייענט אַ ריי שאַפונגען פונעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם: פסח מאַלעוויטש.

* זונטיק דעם 19־טן פעברואַר: מאַרק האָראָוויטש - וועגן יידישע קולטור־ווערטן אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

* זונטיק דעם 12־טן מערץ: ליבע־מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע. ליטעראַרישער נאָכמיטאָג איינגעאָרדנט דורך דעם "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור און שפּראַך" צוזאַמען מיט דעם יידישן קולטור־קלוב. לידער אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון מרים קאַראַל און אַנדערע דיכטער האָבן פאָרגעלייענט אין יידיש און ענגליש: יוסף בעניש, טערי האַנאָווער, אַוורא ראָז, דזשאָיס טאַמאַראַ, מרים קאַראַל און משה שקליאַר. הערייעט בעניש האָט ביי דער באַגלייטונג פון קלעזמער געזונגען אייניקע לידער פון יידישע פּאָעטן. דער פּראָגראַם איז געווען אַ רייכער און אינטערעסאַנטער און האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם יונג און אַלט.

* זונטיק דעם 26־טן מערץ: די יידיש־לערערין און קולטור־דירעקטאָר פון "יידישקייט ל.א.", חנה פּאָלין האָט דערציילט וועגן באַגעגענישן מיט רעשטלעך לעבן־געבליבענע ליטווישע יידן. נאָך דער לעקציע - מוזיקאַלישער פּראָגראַם.

## וואַלי אָפּטיילונג פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

* צו דער ערפענונג פון אונדזער 7־טן יאָר עקזיסטענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 20־טן אָקטאָבער 2006, האָבן מיר פאַרבעטן לילקע מייזנער, פּרעזידענט פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב, וועלכע האָט גערעדט אויף דער טעמע: די יידישע פּראַגע אין פראַנץ קאַפקאַס ליטעראַרישע ווערק.

* דאָנערשטיק דעם 17־טן נאָוועמבער 2005 האָט דער לעקטאָר און שרייבער סטואַרט טאַזער גערעדט וועגן זיין בוך "די פוסגייער" - וועגן דער צייט נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה ווען יידן זענען געלאָפן צו פוס פון די מיזרח־אייראָפּעישע לענדער, אַוועק פון אַנטיסעמיטיזם.

* דאָנערשטיק דעם 22־טן דעצעמבער 2005 - אַ מוזיקאַלישער קאָנצערט אויפן ווידעאָ פון רוסישע יידן וואָס וווינען אין האַנאָווער (דייטשלאַנד).

* דאָנערשטיק דעם 26־טן יאַנואַר 2006 האָט אונדזער אייגענע רות רעזניק גערעדט וועגן די קומראַן הייל אין וועלכע מען האָט געפונען אַלטע שריפטן און וויכטיקע דאָקומענטן פון דער יידישער געשיכטע.

* שבת דעם 11־טן פעברואַר 2005 אין פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון טעאָדאָר ביקל א"נ: "קמץ אלף אָ". דער קאָנצערט איז געווען געשטיצט פון אַ סך יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ל.א. צווישן אַנדערע אונדזער יידישער קולטור־קלוב, "יידישקייט", אַרבעטער־רינג און נאָך 7 אָרגאַניזאַציעס. צו דעם קאָנצערט זענען געקומען אַרום 700 פּערזאָן.

* דעם 16־טן פעברואַר 2005 האָט מאַרטין האָראָוויטש - דירעקטאָר פון דער יידישער קאָמיוניטי פונדאַציע צו פאַרשפּרייטן יידישע קולטור אין רוסלאַנד און אוקראַינע - גערעדט וועגן יידישע קולטור־ווערטן און געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיר גרייטן צו פּראָגראַמען פאַר די נאָענטסטע 4 חדשים.

ביי דער געלעגנהייט ווינטשן מיר אונדזער פּרעזידענט, ריי שאַפּיראָ, ז׳ זאָל וואָס שנעלער געזונט ווערן און צוריק זיין מיט אונדז.

י.ס.